STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01636

# DI FARBREKHNS FUN STALIN

Nikita Sergeevich Khrushchev

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Philip & Leah Krueger*
*in memory of*
*Hyman Reich*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די פאַרברעכנס פון סטאַלין — די פאַרברעכנס פון סאָוועטישן רעזשים

דער באַריכט פון ניקיטאַ ס. כרושטשעוו,
צום 20טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי פון סאָוועט-רוסלאַנד.


אַריינפיר פון

ר. אַבראַמאָוויטש


איבערזעצונג און ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן די פּערזאָנען,
וואָס ווערן דערמאָנט אין באַריכט

פון לעאָן קרישטאָל


אַרויסגעגעבן פון

אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין אַמעריקע

פאַרלאַג דער וועקער

175 איסט בראָדוויי, ניו-יאָרק 2, נ. י.

1956

# The Crimes of Stalin —
# The Crimes of the Regime

**Special Report to the 20th Congress of the Communist Party of the Soviet Union**

by NIKITA S. KHRUSHCHEV

First Secretary, Communist Party of the Soviet Union

Introduction by
R. ABRAMOVITCH

Translated by
LEON CRYSTAL

Published by
"DER WECKER"
175 East Broadway,
New York 2, N. Y.

Printed by
Futuro Press, 476 Broadway, N. Y.

200

# אַריינפיר

## פון ר. אַבראַמאָוויטש

### .1

דער דאָקומענט, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, איז דער באַריכט, וואָס ניקיטאַ ס. כרושטשעוו, דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אָפּגעגעבן דעם 24טן און 25טן פעברואַר, 1956, אויף אַ פאַרמאַכטער זיצונג פון 20טען צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער דאָזיקער דאָקומענט איז נישט נאָר אַ היסטאָרישער אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, נאָר אויך זייער אַ מערקווירדיקער דאָקומענט. וואָרים כרושטשעוו׳ס באַריכט איז אַ לאַנגער און אומ׳ברחמנות׳דיקער אָנקלאָג־אַקט קעגן סטאַלינ׳ען, וואָס איז ביז צום מאָמענט פון זיין טויט (דעם 4טן מערץ, 1953) באַטראַכט געוואָרן ווי אַ האַלבער גאָט, דער אָנערקענטער פירער פון דעם רוסישן און וועלט־קאָמוניזם, דער אַבסאָלוטער הערשער אין אַ גוואַלדיקער אימפּעריע מיט העכער 200 מיליאָן איינוואוינער. די גאַנצע פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט, און ספּעציעל זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין רוסלאַנד גופא, אַריינגערעכנט דעם זעלבן כרושטשעוו, האָבן אים שטענדיק געזונגען שבחים און לויב־געזאַנגען, און אים פאַרגעשטעלט ווי דעם גרעסטן גאון אין דער מענטשלעכער געשיכטע, דעם גרעסטן טעאָרעטיקער, וואָס מיט זיין גוואַלדיקן שכל באַווייזט ער דעם וועג צו אַ ליכטיקער און גליקלעכער צוקונפט.

אָבער ווען מען לייענט אויפמערקזאַם דעם דערשיטערנדיקן דאָקומענט זייטל נאָך זייטל, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, באַקומט זיך אַ שוידערלעך בילד. דער גרויסער גאון און דער האַלבער גאָט, דער ליכטיקער הומאַניסט, לאָזט זיך אויס, איז אין דער אמת׳ן גאָר געווען אַ גרויזאַמער טיראַן, אַ בלוטדורשטיקער דעספּאָט, וואָס האָט קאַלטבלוטיק

אויסגעשאָכטן הונדערטער טויזנטער מענטשן; איינער וואָס האָט געהייסן מאַטערן מיט שרעקלעכע עינויים זיינע נאָענטסטע חברים, כדי צו צווינגען זיי אונטערצוגעבן זיך אונטער זיין ווילן; אַ מענטש מיט זייער מיטעלע באַגאַבונגען און גאָר ווייניק וויסן; אַ מלחמה־פירער, וואָס האָט שיער נישט פאַרלוירן די מלחמה קעגן היטלערן, ווייל ער איז געווען אַן עם־הארץ אין מיליטערישע ענינים, א. אַ. וו. א. אַז. וו.

כרושטשעוו האָט נישט סתם גערעדט, — ער האָט געבראַכט פאַקטן, נעמען, דאַטעס, ציפערן; ער האָט ציטירט נאָך נישט־פאַר־עפנטלעכטע דאָקומענטן, טעלעגראַמעס פון סטאַלינ׳ען, בריוו פון מענטשן וועלכע ער האָט געמאַטערט אין די תפיסות, אין די לאַגערן וכדומה.

כרושטשעוו האָט מיט זיין רעדע אויף שטענדיק פאַרניכטעט די סטאַלין־לעגענדע. עס איז אוממעגלעך איצט צוריקצומאַכן סטאַלינ׳ען פאַר אַ גרויסן פירער פון אַרבעטער־קלאַס, פאַר אַ גרויסן טעאָרעטי־קער און פאָליטיקער, פאַר אַ ליכטיקער פיגור אין דעם פאַנטעאָן פון די גרויסע פירער פון דער מענטשהייט.

אָבער כרושטשעוו׳ס רעדע, און די פאַקטן, וואָס ער ברענגט, צע־שטערן ביזן סוף נישט בלויז די לעגענדע וועגן סטאַלינ׳ען, — זי פאַר־ניכטעט אויך די קאָמוניסטישע לעגענדע וועגן דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״ וואָס הערשט כלומרשט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אָפיציעלע טעאָריע איז, אַז די דאָזיקע דיקטאַטור איז די הערשאַפט פון די אַרבעטער און פויערים, און, הגם, דאָרטן זיינען נישטאָ פאַראַן קיין פּאַרטייען, אַ חוץ איינער, פאַרקערפּערט אָבער די דאָזיקע פּאַרטיי דעם ווילן פון אַרבעטער־קלאַס. אָט די איינציקע פּאַרטיי איז געבויט אויף לעניניסטישן „דעמאָקראַטישן צענטראַליזם״; זי אַרבעט דורך די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, וואָס קלייבן אויס אַ צענטראַל־קאָמיטעט, און דער צענטראַל־קאָמיטעט קלייבט אויס אַ פּאָליטביוראָ. אָט די סיס־טעם פון אינסטיטוציעס גאַראַנטירט די ריכטיקע דעמאָקראַטיע אין לאַנד.

און וואָס באַווייזט איצט כרושטשעוו׳ס רעדע? געשטיצט אויף דער סיסטעם פון איין־איינציקער פּאַרטיי, אָן פּרעסע, אָן פרייהייט פון וואָרט און קריטיק, האָט סטאַלין איינגעשטעלט אַזאַ פּיראַמידע:

אַנשטאָט הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט — הערשאַפט פון איין פּאַרטיי;

אַנשטאָט הערשאַפט פון דער פּאַרטיי — הערשאַפט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט;

אַנשטאָט הערשאַפט פון צענטראַל־קאָמיטעט — הערשאַפט פון פּאָליטביוראָ;

און אַנשטאָט הערשאַפט פון 11 מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ — הערשאַפט פון סטאַלינ׳ען פּערזענלעך.

די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז געוואָרן די אומבאַשרענקטע הערשאַפט פון איין איינציקן מענטשן, און ווען אָט דער מענטש איז געוואָרן נישט אינגאַנצן נאָרמאַל איז אַן אימפּעריע פון 200 מיליאָן מענטשן רעגירט געוואָרן אויטאָקראַטיש דורך איין משוגענעם דעספּאָט. די גאַנצע „פּאַרטיי" מיט איר צענטראַל־קאָמיטעט, מיט דער פּאָליט־ביוראָ, מיט איר אַרמיי און איר פּאָליציי זיינען געווען אַבסאָלוט מאַכט־לאָז עפּעס קעגן דעם צו טאָן. כרושטשעוו גיט־צו, אַז אַלע זיינען געווען מאַכטלאָז קעגן דעם גולם וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן. איז דאָס אַ רעזשים אין וועלכן אַ פֿאָלק נויטיקט זיך, כדי צו פאַרווירקלעכן אמת׳ן סאָציאַליזם און קאָמוניזם?... און איז נישט דער דאָזיקער רעזשים צוגעטראַכט געוואָרן דורך לעניגען אַליין?!...

.2

איך האָב אָנגערופן דעם דאָקומענט אַ מערקווירדיקן, ווייל אַזעלכע שרעקלעכע און באַגרינדעטע באַשולדיקונגען ברענגט אַ גרויסע פּאָ־ליטישע פּאַרטיי געוויינלעך קעגן אַזעלכע רעזשימען, וואָס זי ווילן אַראָפּוואַרפן, אָדער וואָס זיי האָבן שוין אַראָפּגעוואָרפן. עס איז באַ־גרייפלעך ווען דייטשע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן שילדערן אַ שוואַרץ און מיאוס בילד פון היטלערן. עס איז נאַטירלעך און באַ־גרייפלעך, אַז די וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פּעראָנ׳ען אין אַרגענטינע, זאָלן איצט אויסמאָלן אין שוואַרצע פאַרבן דעם פּאָרטרעט פון דער אַרגענטינער דיקטאַטור. אָבער וואָס זאָגט מען וועגן אַ פּאַרטיי וואָס שילדערט אין אַזעלכע פינצטערע קאָלירן אַ מענטשן, וועלכן זי האָט אין משך פון העכער 30 יאָר פאַרגעטערט, צו וועלכן מיליאָנען קאָמו־ניסטן האָבן זיך געבוקט און וועמענס טויטער קערפּער ליגט נאָך אַלץ זייט ביי זייט מיט דעם קערפּער פון דעם נאָך אַלץ פאַרגעטערטן לעניןְ.

עס איז פאַראַן אַ גרויסער אינערלעכער ווידערשפּרוך, ווען מען זעט, אַז באַשמירנדיק מיט שוואַרצן פּעך די פּערזאָן פון סטאַלינ׳ען, באַ־

מיען זיך אין דער זעלבער צייט זיינע יורשים אויפצוהאַלטן זיין ווערק, דאָס הייסט די סאָוועטישע דיקטאַטור מיט איר גאַנצן מעכאַניזם און מיט אַלע עקאָנאָמישע און אַנדערע אויפטואונגען, וועלכע סטאַלין האָט דערגרייכט אין דער צייט פון זיין לעבן. די נייע „קאָלעקטיווע אָנפירונג" אין רוסלאַנד וויל, אַז דאָרט זאָל בלייבן אַלץ ווי געווען. עס זאָלן בלייבן אַלע גרונט באַשטאַנד־טיילן פון דעם סיסטעם, — אָבער אָן די פּערזענלעכע קאַפּריזן, מאַניעס און משוגעת'ן פון דעם דעספּאָט, פאַר וועלכן זיי, די נאָענטסטע מיטאַרבעטער, האָבן געציטערט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער לאַנגער רשימה פון סטאַלינ'ס „פעלערן" און פאַרברעכנס, וואָס כרושטשעוו רעכנט אויס, ווערט איר סיסטעמאַטיש געפינען בלויז אַזעלכע, וואָס זיינען געווענדעט קעגן אומשולדיקע, „ערלעכע קאָמוניסטן", קעגן מענטשן, וועלכע זיינען אין קיין פאַרברעכן נישט געווען שולדיק און וואָס זיינען געווען קרבנות פון סטאַלינ'ס פאַרפאָלגונגס־מאַניע, פון זיין נקמה־דורשט. זיי זאָגן אָבער אַ וואָרט נישט קעגן דעם וואָס סטאַלין האָט פאַרפאָלגט און פאַרפייניקט צום טויט בוכאַרינ'ען, קאַמעניעוו'ן, זינאָוויעוו'ן, אָדער טראָצקי'ן. די מענטשן האָבן, לויט כרושטשעוו'ן, כשר פאַרדינט די שטראָף... זיי זיינען דאָך געווען אָפּאָרטוניסטן, קעגנער, פאַררעטער, אַגענטן פון קאַפּיטאַליזם, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק. דער קאַמף קעגן אַזעלכע שונאים פון אַרבעטער־קלאַס, פונקט אַזוי ווי פריער, קעגן סאָציאַליסטן, קעגן סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז געווען אַ הייליקע און יושר'דיקע אַרבעט. קעגן אויסראָטן אַזעלכע נפשות, אָדער אַזעלכע באַוועגונגען, פּראָטעסטירן נישט די יורשים פון סטאַלינ'ען, פאַרקערט — זיי באַגריסן דאָס.

.3

אין 1929—1930 האָט סטאַלין אָנגעהויבן די גוואַלטזאַמע קאָלעקטיוויזאַציע פון די רוסלענדער פּויערים. מען האָט ביי 100 מיליאָן פּויערים צוגענומען מיט גוואַלד זייערע פערד, זייערע פעלדער, זייערע בהמות. מען האָט זיי געצוואונגען צו ווערן געדונגענע אַרבעטער אויף זייער אייגענער ערד. מיט אַנדערע ווערטער, מען האָט ביי זיי צוריקגענומען די פּרוכט פון דער גרויסער אַגראַר־רעוואָלוציע, וואָס דער רוסישער פּויערים קלאַס האָט דורכגעפירט אין די יאָרן 1917—1919.

די פויערים האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אין ווינטער אין די יאָרן 1929—1930 און 1931—1932, זיינען אין רוסלאַנד פּאָרגעקומען העכער טויזנט גרעסערע און קלענערע אויפשטאַנדן פון די פויערים. מען האָט זיי אין די טויזנטער און טויזנטער דערשאָסן. די מאַכט פון דער סאָוועטישער פּאָליציי, צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז די נישט־אָרגאַניזירטע און נישט־באַוואָפנטע פויערים האָבן גאַרנישט געקענט אויפטאָן. איבער אַ מיליאָן פויערים זיינען אַרעסטירט געוואָרן און אַלע תפיסות אין דער גרויסער מלוכה זיינען געווען אָנגעפילט מיט אַרעסטירטע פויערים. מען האָט אַריינגעזעצט הונדערטער טויזנטער פויערים מיט זייערע קינדער און פרויען אין פראַכט־וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט קיין סיביר, אָן גענוג עסן און אָן גענוג טרינקען.

איר וועט אין כרושטשעוו׳ס רעדע אַפילו קיין וואָרט פון קריטיק נישט געפינען פון דער דאָזיקער שרעקלעכער און בלוטיקער אַגראַרישער קאָנטער־רעוואָלוציע. אויך דער צווייטער גוואַלדיקער אויפטו פון סטאַלינ׳ען, די פאַרגיכערטע אינדוסטריאַליזאַציע פונם אָפּגעשטאַנענעם לאַנד, ווערט פון כרושטשעוו׳ן נישט קריטיקירט, הגם די דאָזיקע אינדוסטריאַליזאַציע, מיט וועלכער די באָלשעוויקעס באַרימען זיך אַזוי שטאַרק, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויפן חשבון פון הונגער, ליידן און נויט, פון אומבאַצאָלטער שווערער פראַצע פון צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער אין די פאַבריקן און פון די מיליאָנען שקלאַפן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וויטן צפון און אין וויטן מזרח.

## 4.

נאָך אַ דריטער פונקט איז וויכטיק: כרושטשעוו באַשולדיקט סטאַלינ׳ען אין דעם, אַז ער האָט נישט געהאַט גענוג צוגעגרייט רוסלאַנד צו דער אומפאַרמיידלעכער מלחמה קעגן היטלערן, און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ער באַשולדיקט סטאַלינ׳ען אין דעם, אַז יענער האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ מלחמה און האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די וואָרענונגען, וועלכע ער האָט באַקומען פון אַלע זייטן, אַז היטלער וועט אָנפאַלן אויף רוסלאַנד דעם 22טן יוני, 1941. און אַפילו ווען די דייטשן האָבן שוין מאַרשירט קיין רוסלאַנד און דייטשע עראָפּלאַנען האָבן שוין געוואָרפן באָמבעס, האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט באַשליסן צו געבן דער רויטער אַרמיי אַ באַפעל צו קעמפן.

כרושטשעוו באַמערקט גאַנץ ריכטיק, אַז סטאַלינ׳ס האַלטונג אין יענעם מאָמענט האָט שיר נישט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקער קאַטאַ־סטראָפע פאַר רוסלאַנד. אָבער ווידעראַמאָל זאָגט כרושטשעוו אַ וואָרט נישט וועגן יענער פּאָליטיק פון סטאַלינ׳עָן, וואָס איז באַשטאַנען אין ברענגען היטלער׳ן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד; אָדער וועגן שליסן דעם טרויעריק־באַרימטן אָפּמאַך (ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו), דורך וועלכן דייטשלאַנד איז דערמוטיקט געוואָרן אָנצוהויבן אַ מלחמה קעגן פּוילן און דערנאָך קעגן די מערב׳דיקע מלוכות. עס איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס סטאַלין האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גלויבן אין דעם פאַרראַט פון זיין „גוטן־ברודער״ — היטלער. אים האָט זיך נאָך אַלץ געוואָלט גיין צוזאַמען מיטן דייטשן נאַציזם, כדי צו צעשטערן מיט פאַראייניקטע כוחות די בריטישע אימפעריע, די פראַנצויזישע קאָלאָניאַל־מאַכט און דערנאָך אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות.

אָבער וועגן דעם אַלעמען קען מען אַפילו קיין וואָרט נישט גע־פינען אין דער גרויסער באַשולדיקונגס־רעדע פון כרושטשעוו׳ן.

אויפן ערשטן קוק מאַכט כרושטשעוו׳ס באַשולדיקונגס־רעדע זייער אַ שטאַרקן איינדרוק, ווייל אין איר פילט זיך אַן אויפריכטיקע שנאה קעגן דעם ברוטאַלן האַלב־משוגענעם דעספּאָט, פון וועלכער ער פערזענלעך און זיינע נאָענטע חברים האָבן געמוזט אַזויפיל אויסשטיין, וואָרים ער האָט זיי באַהאַנדלט מיט חוזק, ביטול און פאַראַכטונג. אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אַביסל מער אין דעם אינהאַלט פון דעם דאָ־קומענט, ווערט עס קלאָר, אַז אויב סטאַלינ׳ס יורשים פּראָטעסטירן קעגן די עקסצעסן פון זיין ווילקיר און גרויזאַמקייט, זיינען זיי אָבער געבליבן אינגאַנצן זיינע געטרייע תלמידים און נאָכפאָלגער אין אַלץ וואָס איז פאַרבליבן אין דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער דיקטאַטור. זיי זיינען סטאַליניסטן אָן סטאַלינ׳עָן, — און ווער עס צווייפלט אין דעם, דאַרף זיך באַקענען מיט אַ צווייטן דאָקומענט, וועלכן מיר קענען דאָ איצט נישט ברענגען. דאָס איז די רעזאָלוציע וואָס דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אָנגענומען דעם 30טן יוני, 1956.

## 5.

דאָרטן ווערט געמאַכט דער סך־הכל פון דעם אַנטי־סטאַלין קאַמ־פּיין, וואָס די סאָוועטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט דורכגעפירט נאָך איר 20סטן צוזאַמענפאָר.

אמת, כרושטשעוו׳ס רעדע איז אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן. מיר האָבן איר טעקסט, וואָס איז אין ענגליש אַרויסגעגעבן דורכן אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטמענט*). מיר האָבן איצט אויך איבערזעצונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אַלץ געמאַכט אויפן סמך פון דעם טעקסט פון סטייט־דעפּאַרטמענט, אָבער מיר האָבן נישט אין ערגעץ קיין אָפיציעלן רוסישן טעקסט, הגם כרושטשעוו האָט זיכער גערעדט אין רוסיש. ער קען דאָך גאָר קיין שום אַנדערע שפּראַך נישט.

דער טעקסט פון כרושטשעוו׳ס רעדע איז געבליבן אַ געהיימניס פאַר די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: בלויז די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן זיך באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון כרושטשעוו׳ס רעדע, וואַרשיינלעך אין דער פאָרם פון אַ מין קיצור. אויף יעדער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג פלעגט מען אַזאַ מין פאַרקירצטן באַ־ריכט פאָרלייענען, אַזוי אַז די מיטגלידערשאַפט פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי איז יאָ באַקאַנט געוואָרן מיט די גרונט־שטריכן פון די באַשולדיקונגען אין כרושטשעוו׳ס רעדע.

דורך דעם איז אַרויסגערופן געוואָרן אַן אינעווייניקסטע דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס דער פּאַרטיי נישט געשאַדט. מען קען אַפילו אָננעמען, אַז דאָס איז געווען ניצלעך פאַר דער פּאַרטיי. אמת, ביי אַ סך יונגע מענטשן, וואָס האָבן געקראָגן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע קאָמוניסטישע דערציאונג און וואָס האָבן דעריבער באַטראַכט סטאַלינ׳ען ווי אַ גאָט, איז די סטאַלין־לעגענדע צעשטערט געוואָרן. אָבער, די מיטל־יאָריקע און עלטערע מענטשן, וואָס האָבן אין דער טיפעניש פון זייער האַרצן סטאַלינ׳ען געהאַסט שנאת מות, איז די אַטאַקע קעגן סטאַלינ׳ען געווען ווי אַ מין באַלזאַם, וואָס האָט זיי דערמונטערט און דערפריידט. אין זייערע אויגן האָט די פּאַרטיי דערמיט געוואונען מער צוטרוי.

וויסנדיק דאָס, האָט די פּאַרטיי, סוף יוני, באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דעם אַנטי־סטאַלין קאַמפּיין. זייער ציל איז געווען דערגרייכט, זייער פּרעסטיזש אויסגעוואַקסן. זיי האָבן באַוויזן דעם פאָלק און דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זיינען בעסערע מענטשן ווי סטאַלין און אַז אין

*) עס איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז דער פאַרעפנטלעכטער טעקסט איז נישט פולשטענדיק. גרויסע טיילן פעלן אויס, ווייל די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט נישט באַוויזן צו קריגן דעם פולשטענדיקן טעקסט. אָבער דאָס, וואָס איז פאַראַן, מאַכט דעם דאָקומענט גוואַלדיק וויכטיק.

רוסלאַנד וועלן מער נישט פאַרקומען אַזעלכע מיאוסע מעשים, ווי עס זיינען פאַרגעקומען אין סטאַלינ׳ס צייטן.

אַט יעמאָלט האָבן זיי אָנגענומען יענע רעזאָלוציע פון 30טן יוני, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין דערמאָנט. איר אונטערשטע שורה באַשטייט אין דעם, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט סטאַלינ׳ען איז נאָר געווען אַ טרויעריקער צופאַל, אַ קליינע געשעעניש, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין דער גלאָררייכער סאָוועטישער געשיכטע. אָבער דער סטאַליניזם האָט נישט געענדערט די אַלע גוטע זייטן פון דעם סאָוועטישן רעזשים און האָט בשום אופן נישט פאַרשוואַרצט די ליכטיקע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע און פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאַר דעם פאָלק און פאַר דעם וועלט־קאָמוניזם.

לויט דער רעזאָלוציע קומט אויס, אַז די רוסישע מלוכה איז, נישט געקוקט אויף סטאַלינ׳ען, געבליבן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און גייט ווייטער אַלץ העכער און העכער. דעם טונקעלן פלעק, וואָס רופט זיך סטאַליניזם, דאַרף מען פאַרגעסן. און סטאַלין אַליין איז נישט געווען אינגאַנצן שוואַרץ, אין די ערשטע יאָרן פון זיין ווירקן האָט ער אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער סאָוועטישער מלוכה און פאַרן קאָמוניזם. ביז צו דעם מאָמענט ווען ער איז גייסטיק קראַנק געוואָרן, איז ער געווען אַ טעאָרעטיקער און אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און דעריבער דאַרף מען אים נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. און ס׳איז שוין גענוג צו רעדן וועגן סטאַלינ׳ען! מען דאַרף מאַרשירן פאָראויס!

## 6.

אין רוסלאַנד האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי אַזאַ גוואַלדיקע מאַכט נישט נאָר איבער די קערפּערס פון די מענטשן, נאָר אויך איבער זייערע נשמות, אַז זי קען דיריגירן די טעאָריעס און די געדאַנקען, לויט איר ווילן. זי האָט אָנגעהויבן דעם אַנטי־סטאַלין קאַמפּיין ווען זי האָט עס געהאַלטן פאַר נויטיק און זי שטעלט אים איצט אָפּ, ווייל זי האַלט, אַז עס איז שוין גענוג. נישט אַזוי פשוט און נישט אַזוי לייכט וועט דאָס אָבער זיין פאַר דער סאָוועטישער רעגירונג אָפּצושטעלן די גייסטיקע מהומה וואָס די אַנטי־סטאַליניסטישע אַנטפּלעקונגען פון כרושטשעוו׳ן האָבן אַרויסגערופן אין די רייען פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם און האַלב־קאָמוניזם. אויב די העכערע פירערשאַפט פון די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פאַרטייען איז געווען קאָרופּטירט און צי־

ניש, ווייל זי האָט געוואוסט די גאַנצע צייט וואָס עס טוט זיך אין רוס־לאַנד און האָט בכיוון פאַרשוויגן, זיינען אָבער די „רענק ענד פאַיל" געווען נאַאיוו און אויפריכטיק איבערצייגט אין דער הייליקייט פון די סאָוועטישע פירער און אין דער ריכטיקייט פון די פרומע לעגענדעס וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס מען האָט זיי דערציילט.

זיי האָבן דעריבער קיינמאָל נישט געגלויבט קיין איינציק וואָרט, קיין שום ידיעות, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער פרעסע אָדער אין די רעדעס פון די סאָציאַליסטישע קריטיקער פון סאָוועט־קאָמוניזם. אַלץ וואָס מיר האָבן געשריבן אין משך פון 35 יאָר און וואָס יעדער קאָמוניסט האָט שטענדיק באַטראַכט ווי מיאוסע רכילות אויף דער סאָוועטן־מאַכט איז אָבער איצט אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן דורך כרושטשעוו׳ן. נאָכמער: אין זיין באַריכט געפינען מיר אַזעלכע שענדלעכע איינצלהייטן, וועלכע אַפילו מיר האָבן נישט געוואוסט. דער דאָזיקער פאַקט קען נישט בלייבן אָן אַ געוויסער ווירקונג פאַרן אויסלענדישן קאָמוניזם. אין רוסלאַנד האָט מען כרושטשעוו׳ס רעדע פאַרבאָרגן פון פאָלק און מען וועט מער וועגן דעם נישט דיסקוטירן.

אין די פרייע לענדער קען מען אָבער די דאָזיקע דיסקוסיע נישט פאַרבאָטן און נישט אויסמיידן. דאָס ביכל וואָס מיר גיבן דאָ אַרויס וועט אַ סך צוטראָגן צו אַ פרוכטבאַרער און ניצלעכער דיסקוסיע וועגן דעם, וואָס איז דער מהות פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור און פאַרוואָס די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זי שטענדיק און סיסטעמאַטיש באַקעמפט.

איך האָף, אַז אַ סך פון די מענטשן, קאָמוניסטן אָדער נישט־קאָמוניסטן, וואָס וועלן זיך באַקענען מיט די פאַקטן און אַריינטראַכטן זיך אין זיי, וועלן מוזן צוגעבן, אַז די היסטאָרישע אַנטוויקלונג האָט פול־שטענדיק באַרעכטיקט יענע אָנשויאונגען, וואָס די סאָציאַליסטישע קעגנער פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור האָבן שטענדיק אַרויס־געזאָגט.

## קאַפּיטל איינס

# לענין און סטאַלין

חברים! אין דעם באַריכט פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אויף דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר, און אין אַ צאָל רעדעס פון דע־לעגאַטן צום צוזאַמענפאָר, און פריער אויך אויף די אַלגעמיינע זיצונגען פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז זייער פיל געזאָגט געוואָרן וועגן דער פאַרגעטערונג פון אַן איינצלנער פּערזאָן און וועגן דעם שאָדן וואָס דאָס ברענגט.

נאָך סטאַלינ׳ס טויט האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אָנגעהויבן דורכפירן אַ פּראָגראַם פון דערקלערן גענוי און אויסגעהאַלטן, אַז ס׳איז קעגן דעם גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם צו דערהויבן איין פּערזאָן און צו פאַרוואַנדלען אים אין אַן איבערמענטש מיט איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפטן פון אַ גאָט. אַזאַ מענטש ווייסט כלומרשט אַלץ, זעט אַלץ, דענקט פאַר אַלע, קען אַלץ טאָן און באַגייט ניט קיין פעלערן.

אַזאַ גלויבן אין איין מענטשן, און באַזונדערס אין סטאַלינ׳ען, איז ביי אונז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין פאַרלויף פון פילע יאָרן.

דער צוועק פון דעם איצטיקן באַריכט איז נישט אַ גרינטלעכע אָפּשאַצונג פון סטאַלינ׳ס לעבן און טעטיקייט. וועגן סטאַלינ׳ס אויפטו־אונגען האָט מען שוין ביי זיין לעבן געשריבן איבערגענוג ביכער, בראָ־שורן און אָפּהאַנדלונגען. דאָ באַשעפטיקן מיר זיך מיט אַ פראַגע, וואָס איז אומגעהייער וויכטיק פאַר דער פּאַרטיי, איצט און פאַר דער צוקונפט. דאָס איז די פראַגע וועגן דעם ווי אַזוי די פאַרגעטערונג פון סטאַלינ׳ס פּערזאָן איז שטופנווייז געוואַקסן, אַ פאַרגעטערונג וואָס האָט אין אַ ספּעציעלער פּעריאָדע מיטגעבראַכט אַ מורא׳דיקע פאַרדאַרבנ־קייט פון פּאַרטיי־פּרינציפּן, פון פּאַרטיי־דעמאָקראַטיע, פון רעוואָלו־ציאָנערער געזעצלעכקייט.

דערפאַר וואָס נישט אַלע באַגרייפן נאָך וואָס עס זיינען געווען די פולע ווירקלעכע רעזולטאַטן פון דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג און

ווי גרויס עס איז געווען דער שאָדן וואָס די פאַרגוואַלטיקונג פון דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פירערשאַפט האָט געבראַכט, און אויך דערפאַר, וואָס איין מענטש האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט אומגעהייערע און אומבאַגרענעצטע מאַכט, האַלט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פאַר דורכאויס נויטיק פאַרצובערענגען דעם מאַטעריאַל וועגן דעם אַלעם פאַר דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דערלויבט מיר פריער פון אַלץ צו דערמאָנען ווי שאַרף די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם האָבן פאַרדאַמט יעדן אויסדרוק פון פּערזאָן־פאַרגעטערונג. אין אַ בריוו צו דעם דייטשן פּאָליטישן טוער, ווילהעלם בלאָס, האָט קאַרל מאַרקס דערקלערט:

„דערפאַר וואָס איך האָס די פּערזאָן־פאַרגעטערונג האָב איך אין דער צייט ווען דער ערשטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט עקזיסטירט קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט די פולע באַגריסונגען פון פאַרשיידענע לענדער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר מיינע אויפטואונגען און האָבן מיך דעריבער געערגערט. איך האָב אויף זיי אַפילו נישט געענטפערט סאַידן אַמאָל, ווען איך האָב אויסגע׳מוסר׳ט די, וועלכע האָבן מיר געשיקט אַזעלכע באַגריסונגען.

„ענגעלס און איך זיינען צוערשט געוואָרן מיטגלידער אין דעם געהיימען פאַראיין פון קאָמוניסטן מיטן באַדינג, אַז אַלץ וואָס קען פירן צו אַבערגלויבערישער פאַרערונג פון רעגירנדער מאַכט זאָל אויסגעשטראָכן ווערן פון דעם פאַראיינ׳ס סטאַטוטן. פערדינאַנד לאַסאַל האָט שפּעטער געטאָן פּונקט פאַרקערט״.

מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער האָט ענגעלס געשריבן:

„מיר ביידע, קאַרל מאַרקס און איך, זיינען שטענדיק געווען קעגן עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס אין פאַרבינדונג מיט איינצלנע פּערזאָנען, סאַידן פאַר עפּעס אַ וויכטיקן צוועק; און מיר זיינען שטענדיק שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו אונז פּערזענלעך״.

די גרויסע באַשיידנקייט פון דעם זשעני פון דער רעוואָלוציע, וולאַדימיר איליטש לענין, איז גוט באַקאַנט. לענין האָט שטענדיק געלייגט דעם טראָפּ אויף דער ראָלע פון פאָלק אַלס דער שאַפער פון

געשיכטע, אויף דער אָנפירנדער און אָרגאַניזאַציאָנעלער ראָלע פון דער פּאַרטיי אַלס אַ לעבעדיקע קערפּערשאַפט, און אויך אויף דער ראָלע פון צענטראַל קאָמיטעט.

דער מאַרקסיזם לייקנט נישט אָפּ די ראָלע פון פירער פון אַר־בעטער קלאַס אין אָנפירן די רעוואָלוציאָנערע פרייהייטס־באַוועגונג.

לענין האָט אָבער דערביי געפּרעדיקט, אַז די קראַפט פון דער פּאַרטיי העגגט אָפּ פון דער פעסטער אייניקייט מיט די פאָלקס־מאַסן, פון דעם פאַקט, אַז הינטער דער פּאַרטיי גייט דאָס פאָלק — די אַרבעטער, די פּויערים און די אינטעליגענץ. „בלויז דער, וועלכער גלויבט אין פאָלק און פאַרטיפט זיך אין דעם לעבעדיקן שטראָם פון פאָלק׳ס שעפערישקייט, וועט געווינען און אָנהאַלטן די מאַכט״, האָט לענין געזאָגט.

לענין האָט גענומען אַן אַנטשלאָסענע שטעלונג קעגן יעדן פּאַרזוך, וואָס איז געצילט געוואָרן צו מאַכן צו קליינגעלט אָדער אָפּצושוואַכן די פירנדיקע ראָלע פון דער פּאַרטיי אין דעם געבוי פון סאָוועטן־פּאַר־באַנד. ער האָט אויסגעאַרבעט באָלשעוויסטישע פּרינציפּן פון פּאַרטיי־פירונג און כּללים פאַר דעם פּאַרטיי־לעבן און האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער גרונט־פּרינציפּ פון פּאַרטיי־פירערשאַפט איז קאָלעגיאַליטעט. נאָך אין די יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע האָט לענין באַצייכנט דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אַלס אַ קאָלעקטיוו פון פירער, אַלס דעם היטער פון דער פּאַרטיי און אויסטייטשער פון אירע פּרינ־ציפּן. „אין דער צייט צווישן צוזאַמענפאָרן, — האָט לענין אָנגעוויזן, — שטייט דער צענטראַל קאָמיטעט אויף דער וואַך און טייטשט־אויס די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי״.

ווען לענין האָט געלעבט איז דער צענטראַל קאָמיטעט געווען אַ ווירקלעכער אויסדרוק פון קאָלעקטיווער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי און פון לאַנד. ער איז געווען אַ מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנער און האָט קיינמאָל נישט נאָכגעגעבן אין פּרינציפּיעלע פראַגן.

לענין האָט קיינמאָל ניט אָנגעווענדעט מאַכט אַרויפצוצווינגען זיינע מיינונגען אויף זיינע מיטאַרבעטער און האָט זיך באַמיט צו אי־בערצייגן; ער האָט געדולדיק דערקלערט זיינע מיינונגען צו אַנדערע.

חוץ די גרויסע אויפטואונגען פון וולאַדימיר איליטש לענין פאַר דעם זיג פון אַרבעטער־קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע פּויערים, פאַר דעם זיג פון אונזער פּאַרטיי און פאַר אָנווענדען אין לעבן דעם וויסנ־שאַפטלעכן קאָמוניזם, האָט זיך די שאַרפקייט פון זיין שכל אויסגע־

דריקט אויך אין דעם, וואָס ער האָט באַצייטנס אַנטדעקט אין סטאַלינ׳ען די שלעכטע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן שפּעטער געבראַכט שרעקלעכע רעזולטאַטן.

לענין האָט מורא געהאַט פאַר דעם צוקונפטיקן שיקזאַל פון דער פּאַרטיי און פון סאָוועטישן פאָלק און ער האָט געגעבן אַ דורכאויס־ריכטיקע אָפּשאַצונג פון סטאַלינ׳ען, אָנווייזנדיק, אַז ס׳איז נויטיק צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן מאַכן סטאַלינ׳ען פאַר אויס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, ווייל סטאַלין איז צו־גראָב אין זיין באַנע־מונג, אַז ער האָט נישט די געהעריקע באַציאונג צו זיינע חברים, אַז ער איז קאַפּריזנע און מיסברויכט זיין מאַכט.

אין דעצעמבער, 1922, אין אַ בריוו צום פּאַרטיי־קאָנגרעס, האָט וולאַדימיר איליטש לענין געשריבן:

„נאָך דעם ווי חבר סטאַלין האָט איבערגענומען דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר, האָט ער אַריינגענומען אין זיינע הענט אָן אַ שיער מאַכט און איך בין נישט זיכער צי ער וועט שטענדיק זיין פעאיק אָנצואווענדען די דאָזיקע מאַכט מיט דער נויטיקער פאָרזיכטיקייט".

דער דאָזיקער בריוו וואָס איז אַ פּאָליטישער דאָקומענט פון אומ־געהייערער וויכטיקייט, און איז באַקאַנט אין דער פּאַרטיי־געשיכטע אַלס „לענינ׳ס צוואה", איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די דע־לעגאַטן פון דעם צוועלפטן פּאַרטיי־קאָנגרעס. איר האָט דעם דאָקומענט געלייענט און איר וועט אים געוויס נאָך איבערלייענען מער ווי איין מאָל. ס׳איז כדאַי, אַז איר זאָלט טראַכטן וועגן לענינ׳ס איינפאַכע ווערטער, אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט זיין מורא׳דיקע זאָרג פאַר דער פּאַרטיי, דעם פאָלק, דעם לאַנד און דער צוקונפט פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט געזאָגט:

„סטאַלין איז צו־גראָב אין זיין באַנעמונג און דער דאָזיקער חסרון, וועלכער קען גאַנץ־גוט גערולדעט ווערן צווישן אונז און אין באַרירונג צווישן קאָמוניסטן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חסרון וואָס קען נישט גערולדעט ווערן אין אַ מענטשן, וועלכער האַלט־אָן דעם אַמט פון גענע־ראַל־סעקרעטאַר. דעריבער טאַקע שלאָג איך פאַר, אַז די חברים זאָלן באַטראַכטן די מעטאָדן דורך וועלכע סטאַלין זאָל באַזייטיקט ווערן פון דעם אַמט און אַן אַנדער זאָל אויסגעקליבן ווערן אויף זיין פּלאַץ. עס זאָל אויסגעקליבן ווערן איינער וועלכער זאָל, פריער פון אַלץ, זיין אַנדערש פון סטאַלינ׳ען דערמיט וואָס ער זאָל האָבן איין מעלה,

געמלעך: מער טאָלעראַנץ, מער לאָיאַליטעט, מער גוטסקייט, אַ פריינט־לעכערע באַציאונג צו חברים, אַ ווייניקער־קאַפּריזנעם כעס און אַזוי ווייטער".

דער דאָזיקער דאָקומענט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די דעלע־גאַטן פון דרייצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכע האָבן דיסקוטירט די פראַגע פון אַוועקנעמען ביי סטאַלינ'ען דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרע־טאַר. די דעלעגאַטן האָבן זיך דערקלערט דערפאַר, אַז סטאַלין זאָל פאַרבלייבן אין דעם אַמט. זיי האָבן אָבער דערביי געהאָפט, אַז לענינ'ס קריטישע באַמערקונגען וועלן האָבן אויף אים די געהעריקע ווירקונג און ער וועט זיין אימשטאַנד בייצוקומען זיינע חסרונות, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי לענינ'ען אַזאַ מורא'דיקע זאָרג.

חברים! דער איצטיקער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר דאַרף זיך באַקענען מיט צוויי נייע דאָקומענטן, וועלכע זיינען אַ באַשטעטיקונג פון דעם וואָס לענין האָט אין זיין „צוואה" געזאָגט וועגן סטאַלינ'ען. די דאָזיקע צוויי דאָקומענטן זיינען: אַ בריוו פון נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ (לענינ'ס פרוי) צו ליעוו באָריסאָוויטש קאַמעניעוו, וועל־כער איז דעמאָלט געווען דער הויפּט פון דער פּאָליטישער ביוראָ, און אַ פּערזענלעכער בריוו פון וולאַדימיר איליטש לענין צו סטאַלינ'ען.

איך וועל איצט פאָרלייענען די צוויי דאָקומענטן:

דער בריוו צו קאַמעניעוו'ן:

„ליעוו באָריסאָוויטש!

„איבער אַ קורצן בריוו וואָס איך האָב געשריבן מיט די ווערטער, וועלכע וולאַדימיר איליטש (לענין) האָט מיר דיקטירט לויט אַ דערלויבעניש פון די דאָקטוירים, האָט זיך סטאַלין נעכטן דערלויבט אַרויסצופּלאַצן מיט אַן אומגעווייגלעכער גראָב־קייט צו מיר. איך בין נישט דעם ערשטן טאָג אין דער פּאַרטיי. אין פאַרלויף פון די אַלע דרייסיק יאָר האָב איך קיין מאָל נישט געהערט פון אַ חבר אַפילו איין גראָב וואָרט. די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי און פון לענינ'ען זיינען מיר נישט ווייניקער טייער ווי סטאַלינ'ען. איך נויטיק זיך איצט אין דער גרעסטער מאָס פון זעלבסט־קאָנטראָל. וואָס מ'קען און וואָס מ'קען נישט דיס־קוטירן מיט לענינ'ען, ווייס איך בעסער ווי וועלכער־עס־איז דאָקטאָר. ווייל איך ווייס וואָס עס מאַכט אים נערוועז און וואָס נישט. יעדנפאַלס ווייס איך דאָס געוויס בעסער ווי סטאַלין. איך

ווענדע זיך צו אייך און צו חבר גריגאָרי (זינאָוויעוו), ווי צו לענינ'ס פיל־נעענטערע חברים און איך בעט אייך צו באַשיצן מיך קעגן דער גראָבער אַריינמישונג אין מיין פּערזענלעכן לעבן און קעגן די שמוציקע זידלערייען און סטראַשונקעס. איך האָב נישט קיין צווייפל וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין דער איינשטימיקער באַשלוס פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע, מיט וועלכער סטאַלין האַלט פּאַר פּאַסיק מיך צו סטראַשן. אָבער איך האָב נישט דעם כוח און אויך נישט די צייט צו פאַרשווענדן אויף דער נאַרישער קריגערײ. איך בין אַ לעבעדיקער מענטש און מיינע נערוון זיינען גוואַלדיק אָנגעשטרענגט.

נ. קרופּסקאַיאַ".

נאַדיעשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ האָט דעם דאָזיקן בריוו געשריבן דעם 23סטן דעצעמבער, 1922. מיט צוויי און אַ האַלב חדשים שפּעטער, אין מערץ, 1923, האָט וולאַדימיר איליטש לענין געשיקט סטאַלינ'ען דעם פאָלגענדיקן בריוו:

„צו חבר סטאַלין"
קאָפּיעס פאַר קאַמעניעוו און זינאָוויעוו.
„טייערער חבר סטאַלין!

„איר האָט זיך דערלויבט מיט גראָבקייט אַרויסצורופן מיין פרוי צום טעלעפאָן און זי גראָב אויסצו'מוסר'ן. נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס זי האָט אייך געזאָגט, אַז זי האָט איינגעשטימט צו פאַרגעסן וואָס ס'איז גערעדט געוואָרן, האָבן זינאָוויעוו און קאַמעניעוו דאָך געהערט פון איר וועגן דעם. איך האָב נישט בדעה אַזוי לייכט צו פאַרגעבן דאָס וואָס ס'ווערט געטאָן קעגן מיר, און ס'איז איבעריק דאָ פאַר מיר אונטערצושטרייכן, אַז איך האַלט, אַז וואָס ס'ווערט געטאָן קעגן מיין פרוי ווערט אויך געטאָן מיר. איך פאַרלאַנג דעריבער פון אייך, אַז איר זאָלט זיך גוט באַ־טראַכטן צי איר וועט איינשטימען צוריקצוציען אייערע ווערטער און בעטן אַנטשולדיקונג, אָדער צי אייך איז ליבער איבערצורייסן די באַציאונגען מיט אונז.

(אַן אויפרודערונג אין זאַל).
אויפריכטיק, לענין".

מערץ 5, 1923.

חברים איך וועל נישט געבן קיין אויסטייטשונגען פון די דאָזיקע דאָקומענטן. זיי ריידן פאַר זיך אַליין אויפן קלאָרסטן שטייגער. אויב סטאַלין האָט זיך געקענט אַזוי באַנעמען צו נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטי־נאָוונאַ קרופסקאַיאַ, וועמען די פּאַרטיי קאָן זייער גוט און שעצט זייער הויך אַלס לענינ׳ס אַ געטרייען פריינט און אַלס אַן אַקטיווע קעמפערין פאַר די צילן פון דער פּאַרטיי זינט איר גרינדונג, קענען מיר זיך שוין לייכט פאָרשטעלן ווי אַזוי ער האָט באַהאַנדלט אַנדערע מענטשן.

די דאָזיקע שלעכטע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען, און אין פאַרלויף פון זיינע לעצטע יאָרן זיינען זיי געוועזן אַבסאָלוט נישט צום איבערטראָגן.

ווי ווייטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן איז לענינ׳ס מורא׳דיקע זאָרג געווען באַרעכטיקט. אין דער ערשטער פעריאָדע נאָך לענינ׳ס טויט האָט סטאַלין גענומען ערנסט לענינ׳ס מיינונג, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אויפגעהערט רעכענען מיט דער וואָרענונג פון וולאַדימיר איליטש לענין.

ווען מיר אַנאַליזירן סטאַלינ׳ס פירונגען אין באַצוג צו דער פאַר־וואַלטונג פון דער פּאַרטיי און פון לאַנד, ווען מיר באַטראַכטן וואָס סטאַ־לין האָט אַלץ אָפּגעטאָן, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז לענינ׳ס מורא איז געווען באַרעכטיקט. די שלעכטע אייגנשאַפטן פון סטאַלינ׳ס כאַראַק־טער, וועלכע האָבן זיך קוים אָנגעהויבן אַרויסווייזן ווען לענין האָט נאָך געלעבט, האָבן אין די לעצטע יאָרן דערפירט דערצו, אַז סטאַלין האָט מיסברויכט זיין מאַכט און האָט געבראַכט אונזער פּאַרטיי אומגעהייערן שאָדן.

מיר דאַרפן ערנסט באַטראַכטן די דאָזיקע זאַך כדי מיר זאָלן נישט דערלאָזן, אַז דאָס וואָס ס׳איז געשען ביי סטאַלינ׳ס לעבן זאָל זיך ווי־דערהאָלן אין אַ וועלכער־עס־איז פאָרם. סטאַלין האָט אַבסאָלוט נישט געדולדעט קיין קאָלעגיאַליטעט אין דער פירערשאַפט און אין דער אַר־בעט. ער האָט אָנגעווענדעט ברוטאַלע גוואַלד־מיטלען נישט נאָר קעגן אַלץ וואָס האָט זיך אים קעגנגעשטעלט, נאָר אויך קעגן אַלץ וואָס האָט, לויט זיין קאַפּריזנעם און דעספּאָטישן כאַראַקטער, נישט געשטימט מיט זיינע באַגריפן.

סטאַלין האָט נישט געהאַלטן פון איבערצייגן אַנדערע, פון דער־קלערן און פון געדולדיקער קאָאָפּעראַציע מיט אַנדערע מענטשן. אַנ־שטאָט דעם האָט ער מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגען אויף אַנדערע זיינע באַגריפן און האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל זיך איינגאַנצן אונטערוואַרפן

זיינע מיינונגען. יעדער איינער, וועלכער איז געווען קעגן סטאַלינ׳ס באַגריפן אָדער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו דערקלערן אַן אייגענעם שטאַנדפּונקט, איז אין פּאַראויס געווען פּאַראורטיילט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון דער פירנדיקער גרופּע און מיט דער צייט איז ער פאַר־ניכטעט געוואָרן מאָראַליש און פיזיש.

דאָס איז באַזונדערס אָפּט פאָרגעקומען אין דער צייט נאָך דעם זיבעצענטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווען אַ סך פּראָמינענטע פּאַרטיי־פירער און געוויינלעכע פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע האָבן ערלעך און איבערגעגעבן געדינט דעם קאָמוניסטישן ציל, זיינען געווען די קרבנות פון סטאַלינ׳ס דעספּאָטיזם.

מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז די פּאַרטיי האָט אָנגעפירט אַ רייע קאַמפּן קעגן די טראָצקיסטן, קעגן די רעכטע און קעגן די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן און אַז די פּאַרטיי האָט אומשעדלעך געמאַכט אַלע שונאים פון לעניניזם. דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער קאַמף איז אָנגע־פירט געוואָרן דערפאָלגרייך און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די פּאַרטיי איז געוואָרן שטאַרקער און מער־פאַרהאַרטעוועט. אין דעם האָט סטאַלין געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָלע.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף אַ מאָמענט וואָס עס וואָלט געשען ווען אין 1928 און 1929 וואָלט די פּאָליטישע ריכטונג פון רעכטן אָפּנויג געזיגט ביי אונז. מיר וואָלטן איבער דעם איצט נישט געהאַט קיין מעכטיקע שווערע אינדוסטריע, מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין קאָלעקטיווע פאַרמס, מיר וואָלטן געבליבן אַנטוואָפנט און שוואַך אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג.

קאַפּיטל צוויי

## דער טעראָר פון די 30ער יאָרן

ס׳איז מערקווירדיק דער פאַקט, וואָס אַפילו אין דעם סאַמע ברען פון דעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן די טראָצקיסטן, די זינאָוויעוויסטן, די בוכאַרינס און קעגן די אַנדערע, זיינען די מיטלען פון אונטערדריי־קונג נישט אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן זיי. דער קאַמף איז אָנגעפירט געוואָרן אויף אַן אידעאָלאָגישן באַדן.

אָבער ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער פונדאַמענט פון סאָ־ציאַליזם איז שוין ביי אונז אין לאַנד געווען אויפגעבויט, ווען די עקס־

פלוטירנדיקע קלאַסן זיינען שוין אין אַלגעמיין געווען פֿאַרניכטעט, ווען דער געבוי פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט איז גרינטלעך גע־ענדערט געוואָרן, ווען דער געזעלשאַפֿטלעכער באָדן פֿאַר פֿײַנטלעכע פּאָליטישע באַוועגונגען און גרופּעס איז שטאַרק איינגעשרומפּן גע־וואָרן, ווען די אידעאָלאָגישע קעגנער פֿון דער פּאַרטיי זיינען שוין לאַנג געווען באַזיגט פּאָליטיש, ערשט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן זיי.

פּונקט אין דער דאָזיקער צייט (אין די יאָרן 1935־1936־1937) האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אונטערדריקונגען מיטן כּוח פֿון דעם רע־גירונגס־אַפּאַראַט. צום ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערדריקונ־גען קעגן די שׂונאים פֿון לעניניזם — פֿון די טראָצקיסטן, זינאָוויע־וויסטן, בוכאַרינעיסטן — וועלכע די פּאַרטיי האָט שוין לאַנג געהאַט באַ־זיגט. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערדריקונגען קעגן אַ סך ערלעכע קאָמוניסטן, קעגן יענע פּאַרטיי־גרופּעס וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך די שווערע לאַסט פֿון דעם בירגער־קריג און פֿון די ערשטע, שווערסטע יאָרן פֿון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע, וועלכע האָבן געקעמפֿט קעגן די טראָצקיסטן און די רעכטע צו באַשיצן די לעניניסטישע פּאַרטיי־ליניע.

סטאַלין האָט געשאַפֿן דעם באַגריף „שׂונא פֿון פֿאָלק". און אַז אַ קעגנער איז באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ „שׂונא פֿון פֿאָלק", איז שוין נישט נייטיק געווען צו באַווייזן, אַז ער איז באַגאַנגען אַן אידעאָלאָגישן פֿעלער. דער דאָזיקער אויסדרוק האָט מעגלעך־געמאַכט, אַז עס זאָל אָנגעווענדעט ווערן די ברוטאַלסטע אונטערדריקונג, אַז עס זאָלן פֿאַר־גוואַלטיקט ווערן אַלע כּללים פֿון רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אימיצן, וועלכער איז אין דער מינד־סטער זאַך געווען נישט איינפֿאַרשטאַנען מיט סטאַלינ׳ען. די ערגסטע ברוטאַליטעט איז אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן אַזעלכע, וואָס זיינען אַפֿילו בלויז פֿאַרדעכטיקט געוואָרן אין קעגנערישע אַבזיכטן, אויך קעגן אַזוינע וועלכע האָבן זיך געהאַט געמאַכט גרויסע רעפּוטאַציעס.

דער באַגריף „שׂונא פֿון פֿאָלק" האָט פֿאַקטיש אָפּגעשאַפֿט יעדע מעגלעכקייט פֿון אַן אידעאָלאָגישן קאַמף. ס׳איז געוואָרן אוממעגלעך פֿאַר יעדן איינעם באַקאַנט צו מאַכן זיינע מיינונגען וועגן דער אָדער יענער פֿראַגע, אַפֿילו וועגן פֿראַגן פֿון אַ טאָג־טעגלעכן כאַראַקטער.

אין אַלגעמיין איז אין דערווירקלעכקייט געברויכט געוואָרן איין באַווייז קעגן באַשולדיקטע, כאָטש דאָס איז קעגן יעדן באַגריף פֿון דער

אַנגענומענער געזעץ־וויסנשאַפט. דאָס איז די „ווידוי" פון דעם באַשול־דיקטן. און ווי ווייטערדיקע אויספאָרשונגען האָבן געצייגט, זיינען באַ־שולדיקטע געצוואונגען געוואָרן זיך מודה צו זיין דורך דעם וואָס מ׳האָט זיי געפּייניקט.

דאָס האָט געפירט צו אַן אָפענער פאַרגוואַלטיקונג פון רעוואָלו־ציאָנערער געזעצלעכקייט און אויך דערצו, אַז עס זאָלן פאַרפאַלגט ווערן אַבסאָלוט־אומשולדיקע מענטשן, וועלכע האָבן גאָר פריער פאַר־טיידיקט די פּאַרטיי־ליניע.

דער באַגריף „שונא פון פאָלק" איז ספּעציעל אָנגעווענדעט גע־וואָרן מיטן צוועק צו פאַרניכטן אַזעלכע אומשולדיקע פּערזאָנען.

ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַ סך מענטשן, וואָס זיינען שפּעטער פאַרניכ־טעט געוואָרן אַלס שונאים פון דער פּאַרטיי און פון פאָלק, האָבן מיט־געאַרבעט מיט לענינ׳ען ווען ער האָט געלעבט. אייניקע פון די דאָזיקע מענטשן זיינען באַגאַנגען פעלערן ביי לענינ׳ס לעבן, אָבער טראָץ דעם האָט לענין געהאַט נוצן פון זייער אַרבעט. ער האָט פאַריכט זייערע פעלערן און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן אין די רייען פון דער פּאַרטיי. ער האָט געווירקט אויף זיי, אַז זיי זאָלן גיין אין זיינע וועגן.

אין פאַרבינדונג מיט דעם דאַרפן זיך די דעלעגאַטן פון צוזאַמענ־פאָר באַקענען מיט אַ נישט־פאַרעפנטלעכן צושריפט פון לענינ׳ען, אין וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צו דער פּאָליטישער ביוראָ פון צענטראַל קאָמיטעט, אין אָקטאָבער, 1920. אויסרעכנענדיק די פליכטן פון דער קאָנטראָל קאָמיסיע, האָט לענין געשריבן, אַז די קאָמיסיע דאַרף פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַן אמת׳ן „אָרגאַן פון דעם פּאַרטייאישן און פּראָלע־טאַרישן געוויסן".

אָט וואָס לענין האָט געשריבן:

„אַלס אַ ספּעציעלע פליכט פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע ווערט רעקאָמענדירט, אַז די קאָמיסיע זאָל האָבן אַ טיפע באַצי־אונג מיט יעדן איינעם פון די פאַרטרעטער פון דער אַזוי־גערו־פענער אָפּאָזיציע פּערזענלעך און אַפילו אָנווענדן געוויסע מיט־לען אויסצוקורירן די יעניקע וועלכע מאַכן־דורך אַ פּסיכאָלאָ־גישן קריזיס, ווייל זיי זיינען דורכגעפאַלן אין זייערע סאָוועטישע קאַריערעס, אָדער אין פּאַרטיי־קאַריערעס.

אַ פאַרזוך זאָל געמאַכט ווערן זיי צו באַרואיקן, צו דערקלערן

זיי אַליין אויף אַ חבר׳שן שטייגער, נישט צו באַנוצן די מעטאָדע פון געבן באַפעלן, נאָר געפינען פאַר זיי אַרבעט, פאַר וועלכער זיי זיינען פּסיכאָלאָגיש צוגעפּאַסט. אַנווייזונגען און כללים אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער פראַגע זאָלן אויסגעאַרבעט ווערן דורך דער אָרגאַניזאַציאָנס-ביוראָ פון צענטראַל קאָמיטעט״.

יעדער איינער ווייס ווי האַרט לענין איז געווען מיט די אידעאָלאָגישע שונאים פון מאַרקסיזם, מיט די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעווייגט פון דער פּאַרטיי-ליניע. אין דערזעלבער צייט האָט אָבער לענין — ווי מ׳זעט עס טאַקע פון דער צושריפט — אין זיין אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, געפאָדערט די אינטימסטע פּאַרטיי-פאַרבינדונג מיט די מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אומאַנטשלאָסנקייט אָדער אַ צייטווייליקן אָפּנויג פון דער פּאַרטיי-ליניע, אָבער וועלכע ס׳איז מעגלעך געווען צוריק אַרויפצוברענגען אויפן וועג פון דער פּאַרטיי. לענין האָט געראַטן, אַז אַזעלכע מענטשן דאַרף מען געדולדיק לערנען און נישט אָנווענדן שאַרפע מיטלען קעגן זיי.

אַ גאַנץ אַנדער באַציאונג צו מענטשן האָט געהאַט סטאַלין.

סטאַלין האָט אָפּגעוואָרפן די לעניניסטישע מעטאָדע פון איבערצייגן און לערנען; אָנשטאָט די מעטאָדן פון אידעאָלאָגישן קאַמף האָט ער אָנגעווענדעט די מעטאָדע פון אַדמיניסטראַטיווע גוואַלד-מיטלען, מאַסן-אונטערדריקונג און טעראָר. סטאַלין האָט זיך אַלץ מער און אויף אַן אַלץ-גרעסערן פאַרנעם באַנוצט מיט שטראָף-מיטלען און האָט אין דערזעלבער צייט אָפּט פאַרגוואַלטיקט אַלע עקזיסטירנדיקע כללים פון מאָראַל און פון סאָוועטישן געזעץ.

די הפקר׳דיקע אויפפירונג פון איין פּערזאָן האָט דערמוטיקט און דערלויבט די הפקרות פון אַנדערע.

מאַסן-אַרעסטן און אַרויסשיקונגען פון אַ סך טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, היגריכטונגען אָן אַ פּראָצעס און אַפילו אָן אַן אונטערזוכונג, האָבן געשאַפן אַ צושטאַנד פון אומזיכערקייט, פון שרעק און אַפילו פון פאַרצווייפלונג.

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט בייגעטראָגן צו דער איינִיקייט אין די פּאַרטיי-רייען און אין אַלע שיכטן פון די אַרבעטער. פאַרקערט, דאָס האָט מיטגעבראַכט, אַז עס זאָלן פאַרניכטעט ווערן, אָדער אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער פּאַרטיי אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען לאָיאַל, אָבער נישט באַקוועם פאַר סטאַלינ׳ען.

לאָמיר אויפמישן אייניקע היסטאָרישע פאַקטן:

אין די טעג פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן צוויי מיטגלי־דער פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, קאַ־מעניעוו און זינאָוויעוו, דערקלערט, אַז זיי זיינען קעגן לענינ׳ס פּלאַן פאַר אַ באַוואָפנגטן אויפשטאַנד. דערצו האָבן זיי נאָך דעם 18טן אָקטאָ־בער אָפּגעדרוקט אין דער מענשעוויסטישער צייטונג, „נאָוואַיאַ זשיזן" (דאָס נייע לעבן), אַ דערקלערונג אין וועלכער זיי האָבן געמאָלדן, אַז די באָלשעוויקעס מאַכן צוגרייטונגען פאַר אַן אויפשטאַנד וואָס זיי — קאַמעניעוו און זינאָוויעוו — באַטראַכטן פאַר אַ געפערלעכן שריט.

קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן אויף אַזאַ שטייגער אַרויסגעגעבן דעם שונא דעם געהיימען באַשלוס פון צענטראַל קאָמיטעט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד און אַז דער אויפשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דער נאָענטער צוקונפט. דאָס איז געווען אַ פאַרראַט קעגן דער פּאַרטיי און קעגן דער רעוואָלוציע. אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט לענין געשריבן: „קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן אַרויסגעגעבן ראָדזיאַנקאָ׳ן און קע־רענסקי׳ן דעם באַשלוס פון צענטראַל קאָמיטעט פון זייער אייגענער פּאַרטיי וועגן אַן אויפשטאַנד". ער האָט דאַן אויפגעהויבן פאַר דעם צענטראַל קאָמיטעט די פראַגע וועגן אויסשליסן קאַמעניעוו׳ן און זינאָ־וויעוו׳ן פון דער פּאַרטיי.

פונדעסטוועגן האָבן קאַמעניעוו און זינאָוויעוו נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווי באַוואוסט, באַקומען הויכע פּאָסטנס. לענין האָט זיי געגעבן אַמטן, אין וועלכע זיי האָבן דורכגע־פירט העכסט־פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־אויפגאַבן און זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער פירנדיקער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

ס׳איז באַוואוסט, אַז זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זיינען באַגאַנגען אַ צאָל אַנדערע פעלערן, ווען לענין האָט נאָך געלעבט. אין זיין „צוואה" האָט לענין געוואָרנט, אַז „זינאָוויעוו׳ס און קאַמעניעוו׳ס אָקטאָבער־געשיכטע איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין צופאַל". דאָך האָט לענין נישט אַרויפגעבראַכט די פראַגע, אַז מ׳זאָל זיי אַרעסטירן, און געוויס נישט, אַז מ׳זאָל זיי דערשיסן.

אָבער לאָמיר נעמען דעם ביישפּיל פון די טראָצקיסטן.

איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער היסטאָרישער פּעריאָדע, קענען מיר שוין וועגן דעם קאַמף קעגן די טראָצקיסטן רעדן דורכאויס רואיק און מיט אָביעקטיוויטעט. נאָך־אַלעמען זיינען דאָך אַרום טראָצקי׳ן געווען מענטשן

וועלכע האָבן זיכער נישט געשטאַמט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אַ טייל פון זיי האָט באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי־אינטעליגענץ און אַ גע־וויסער טייל איז באַשטאַנען פון אַרבעטער.

מיר זיינען אימשטאַנד אָנצורופן די נעמען פון אַ סך פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך אין אַ געוויסער צייט אָנגעשלאָסן אין די טראָצקיסטן. די זעלבע פּערזאָנען האָבן דאָך אָבער אָנטייל גענומען אין דער אַר־בעטער באַוועגונג נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, אויך אין דער צייט פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און אין דער באַפעסטי־קונג פון דעם זיג, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך דער גרעס־טער פון אַלע רעוואָלוציעס.

אַ סך פון זיי האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון טראָצקיזם און האָבן זיך אומגעקערט צו די לעניניסטישע פּאָזיציעס. איז דען געווען נויטיק צו פאַרניכטן אַזעלכע מענטשן? מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז אויב לענין וואָלט געלעבט, וואָלט קעגן אַ סך פון זיי אַזאַ עקסטרעמע מע־טאָדע נישט אָנגעווענדעט געוואָרן.

דאָס זיינען נאָר אַ פּאָר היסטאָרישע פאַקטן. אָבער קען מען דען זאָגן, אַז לענין איז נישט געווען אַנטשלאָסן אָנצואווענדן אַפילו די שאַרפסטע מיטלען קעגן די שונאים פון דער רעוואָלוציע, ווען דאָס איז ווירקלעך געווען נויטיק? ניין, קיינער קען דאָס נישט זאָגן. וולאַ־דימיר איליטש (לענין) האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אויף דעם שטרענגסטן אופן באַהאַנדלען די שונאים פון דער רעוואָלוציע און פון אַרבעטער קלאַס און ווען נויטיק זאָלן די שטרענגסטע מעטאָדן אָנגעווענדעט ווערן אָן רחמנות.

ס'איז גענוג בלויז צו דערמאָנען לענינ'ס קאַמף קעגן די סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט דעם אַנטי־סאָווע־טישן אויפשטאַנד צוזאַמען מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קולאַקן און אַנדערע אין יאָר 1918. לענין האָט דאַן, אָן אַ שום וואַקלעניש, באַנוצט די עקסטרעמסטע מעטאָדן קעגן די שונאים. לענין האָט אָבער גע־ברויכט אַזעלכע מעטאָדן בלויז קעגן ווירקלעכע קלאַסן־שונאים און נישט קעגן אַזעלכע וועלכע באַגיין פעלערן און וועלכע ס'איז מעגלעך צוריקצוברענגען דורך אידעאָלאָגישן איינפלוס און אַפילו צו לאָזן זיי פאַרבלייבן אין דער פירערשאַפט.

לענין האָט אָנגעווענדעט זייער האַרבע מעטאָדן בלויז אין פאַלן, ווען דאָס איז געווען אַבסאָלוט נויטיק; ווען די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן האָבן נאָך עקזיסטירט און האָבן אַרויסגעשטעלט אַ שטאַרקע

קעגנערשאַפט צו דער רעוואָלוציע; ווען דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען, אויך די פאָרם פון בירגער־קריג.

סטאַלין, ווידער, האָט זיך באַנוצט מיט עקסטרעמע מעטאָדן און מאַסן־אונטערדריקונגען אין אַ צייט, ווען די רעוואָלוציע איז שוין געווען דערפאָלגרייך; ווען די סאָוועטישע מלוכה איז שוין געווען פאַר־שטאַרקט; ווען די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן זיינען שוין געווען פאַר־ניכטעט און די סאָציאַליסטישע באַציאונג איז שוין געווען פעסט איינ־געוואָרצלט אין אַלע צווייגן פון דעם לאַנד'ס ווירטשאַפט; ווען אונזער פּאַרטיי איז שוין געווען פּאָליטיש באַפעסטיקט און איז שוין פאַר־שטאַרקט געוואָרן סיי אין צאָל, סיי אידעאָלאָגיש.

ס'איז קלאָר, אַז דאָ האָט סטאַלין אין אַ גאַנצער רייע פאַלן אַרויס־געוויזן זיין אומטאָלעראַנץ, זיין ברוטאַליטעט און זיין מיסברויכן די מאַכט. אַנשטאָט צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין פּאָליטיק און מאָבי־ליזירן די מאַסן, האָט ער אָפטמאָל אויסגעקליבן דעם וועג פון אונטער־דריקונג און פיזישער אויסראָטונג, נישט נאָר קעגן דיווירקלעכע שונאים, נאָר אויך קעגן פּערזאָנען, וועלכע זיינען נישט באַגאַנגען קיינע פאַרברעכנס קעגן דער פּאַרטיי און דער סאָוועטן־רעגירונג. דערין זעען מיר נישט זיין קלוגשאַפט, נאָר זיין געברויך פון ברוטאַלער מאַכט, וואָס קעגן דעם האָט לענין געוואָרנט.

לעצטנס, באַזונדערס נאָך דעם ווי ס'איז אַראָפּגעריסן געוואָרן די מאַסקע פון בעריאַ'ס באַנדע, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אונטער־זוכט אַ רייע פאַלן, וועלכע די באַנדע האָט אָנגעאַרבעט. דורך דעם איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ זייער מיאוס בילד פון ברוטאַלער הפקרות, וואָס איז פאַרבונדן מיט סטאַלינ'ס שלעכטער אויפפירונג. די פאַקטן באַווייזן, אַז דורך באַנוצן אומבאַגרענעצטע מאַכט, האָט זיך סטאַלין דערלויבט צו באַגיין אַ סך געמיינהייטן. ער האָט געהאַנדלט אַזוי אין נאָמען פון צענטראַל קאָמיטעט, אָבער ער האָט נישט געפרעגט ביי די מיטגלידער פון קאָמיטעט וואָס זייער מיינונג איז, און האָט אַפילו נישט געפרעגט ביי דער פּאָליטישער ביוראָ פון צענטראַל קאָמיטעט. אָפּט־מאָל האָט ער זיי אַפילו נישט געלאָזט וויסן זיינע פּערזענלעכע באַ־שלוסן וועגן זייער וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג.

ווען מיר באַטראַכטן די פראַגע פון פּערזאָן־פאַרגעטערונג, מוזן מיר צוערשט באַווייזן אַלעמען וואָס פאַר אַ גרויסן שאָדן דאָס האָט גע־בראַכט אונזער פּאַרטיי.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט שטענדיק געלייגט דעם טראָפּ אויף דער פּאַרטיי'ס ראָלע און באַדייטונג אין דער אָנפירונג פון דער רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים; לענין האָט אין דעם געזען די הויפּט־באַדינגונג פאַר דעם דערפאָלגרייכן אויפבוי פון סאָציאַליזם ביי אונז אין לאַנד. אָנווייזנדיק אויף דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַלס די רעגירנדיקע פּאַרטיי אין דער סאָוועטישער מלוכה, האָט לענין געפאָדערט, אַז עס זאָלן אויפן שטרענגסטן אופן אָפּגעהיט ווערן אַלע כללים פון פּאַרטיי־לעבן. ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָלן אַנגעווענדעט ווערן אין לעבן די פּרינציפּן פון קאָלעגיאַליטעט אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און דער מלוכה.

ס'איז באַוואוסט, אַז לענין אַליין האָט געוויזן אַ ביישפּיל ווי פאַרזיכטיק אָפּצוהיטן די דאָזיקע פּרינציפּן. עס איז נישט געווען קיין איין פראַגע, וואָס זאָל האָבן געווען אַזוי וויכטיק, אַז לענין זאָל אַליין אָננעמען אַ באַשלוס אָן אַ באַראַטונג און אָן דער גוטהייסונג פון דער מערהייט פון צענטראַל קאָמיטעט'ס מיטגלידער, אָדער פון דעם צענטראַל קאָמיטעט'ס פּאָליטישער ביוראָ.

אין דער שווערסטער פּעריאָדע פון אונזער לאַנד, האָט לענין געהאַלטן פאַר נויטיק רעגלמעסיק צונויפצורופן צוזאַמענפאָרן, פּאַרטיי־קאָנפערענצן און אַלגעמיינע זיצונגען פון צענטראַל קאָמיטעט, אויף וועלכע אַלע וויכטיקסטע פראַגן זיינען דיסקוטירט געוואָרן און וואו רעזאָלוציעס, וואָס זיינען פאַרזיכטיק אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן קאָלעקטיוו פון פירער, זיינען גוטגעהייסן געוואָרן.

מיר קענען זיך, צום ביישפּיל, דערמאָנען אין דעם יאָר 1918, ווען דאָס לאַנד איז געשטעלט געוואָרן אין געפאַר דורך דער אַטאַקע פון די אימפּעריאַליסטישע אינטערווענציאָניסטן. אין יענער לאַגע איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דער זיבעטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר צו דיסקוטירן די גוואַלדיק־וויכטיקע פראַגע, וואָס האָט ניט געקענט אָפּגעלייגט ווערן — די פראַגע וועגן שלום.

אין 1919, ווען דער בירגער־קריג האָט געבושעוועט, האָט זיך דער אַכטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פאַרזאַמלט, האָט אָנגענומען אַ נייע פּאַרטיי־פּראָגראַם און האָט אָנגענומען באַשלוסן וועגן אַזעלכע וויכטיקע פראַגן ווי די באַציאונג צו די פּויערישע מאַסן, די אָרגאַניזירונג פון דער רויטער אַרמיי, די פירנדיקע ראָלע פון דער פּאַרטיי אין דער אַרבעט פון די סאָוועטן, די אויסבעסערונגען אין דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער פּאַרטיי, און וועגן נאָך אַנדערע פראַגן.

אין 1920 איז צונויפגערופן געוואָרן דער ניינטער פּאַרטיי־צו־זאַמענפאָר, וועלכער האָט אָנגענומען די הויפּט־פּרינציפּן וועגן דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי אויף דעם געביט פון עקאָנאָמישן אויפבוי.

אין 1921 האָט דער צענטער צוזאַמענפאָר אָנגענומען לענינ׳ס נייע עקאָנאָמישע פּראָגראַם און די היסטאָרישע רעזאָלוציע „וועגן פּאַרטיי־איינקייט״.

ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס לענין האָט אַלע זיינע לעצטע אַרטיקלען און בריוו אַדרעסירט צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווי צו דער העכסטער פּאַרטיי־קערפּערשאַפט. אין דער פּעריאָדע צווישן צוזאַמענפאָרן, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַלס די באַפול־מעכטיקטע הויפּט־גרופּע, שטרענג אָפּגעהיט די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי און דורכגעפירט איר פּראָגראַם.

אַזוי איז געווען ווען לענין האָט געלעבט.

זיינען די דאָזיקע הייליקע פּרינציפּן פון אונזער פּאַרטיי אָפּגעהיט געוואָרן נאָך לענינ׳ס טויט?

אין פאַרלויף פון די ערשטע פּאָר יאָר נאָך לענינ׳ס טויט זיינען נאָך די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און די זיצונגען פון צענטראַל קאָמיטעט פאָרגעקומען, מער אָדער ווייניקער, רעגלמעסיק. אָבער שפּעטער, ווען סטאַלין האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו מיסברויכן זיין מאַכט, זיינען די דאָזיקע פּרינציפּן ברוטאַל פאַרגוואַלטיקט געוואָרן. דאָס האָט מען געזען באַזונדערס־קלאָר אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן.

## קאַפּיטל דריי

# מערהייט פון אַ צוזאַמענפאָר דערשאָסן

איז עס דען געווען נאָרמאַל, וואָס צווישן דעם אַכצענטן און דעם ניינצענטן צוזאַמענפאָר זיינען אַוועק דרייצן יאָר — יאָרן, ווען אונזער פּאַרטיי און אונזער לאַנד האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל וויכטיקע גע־שעענישן? די דאָזיקע געשעענישן האָבן דורכאויס געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל אָננעמען באַשלוסן פאַר דער פּאַרטיידיקונג פון לאַנד אין פאַרלויף פון דער פּאַטריאָטישער מלחמה (דעם צווייטן וועלט־קריג) און פאַר בוי־אַרבעט נאָך דער מלחמה. אָבער אַפילו נאָך דער מלחמה זיינען אַוועק זיבן יאָר ביז אַ צוזאַמענפאָר איז גערופן געוואָרן.

זיצונגען פון צענטראַל קאָמיטעט זיינען כמעט קיינמאָל נישט גע־

רופן געוואָרן. ס'וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אַז אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן פון דער פאַטריאָטישער מלחמה איז נישט פאָרגעקומען קיין איין אַלגעמיינע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט.

אמת טאַקע, אַז אַ פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן צו רופן אַן אַלגע־מיינע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט אין אָקטאָבער, 1941, ווען צענ־טראַל קאָמיטעט מיטגלידער פון גאַנצן לאַנד זיינען אַרויסגערופן גע־וואָרן קיין מאָסקווע. צוויי טעג האָבן זיי געוואַרט אַז די זיצונג זאָל זיך עפענען, אָבער זיי האָבן געוואַרט אומזיסט. סטאַלין האָט אַפילו נישט געוואָלט זיך באַגעגענען אָדער רעדן מיט די מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט.

דער דאָזיקער פאַקט ווייזט, ווי דעמאָראַליזירט סטאַלין איז געווען אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה און מיט וויפל פאַרריסנקייט און פאַראַכטונג ער האָט די מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט באַ־האַנדלט.

אין דערווירקלעכקייט האָט סטאַלין איגנאָרירט די כללים פון פאַרטיי־לעבן און ער האָט געטראָטן מיט די פיס די לעניניסטישע פרינציפּן פון קאָלעקטיווער פאַרטיי־פירערשאַפט.

סטאַלינ'ס הפקר'דיקע באַציאונג צו דער פאַרטיי און צום צענטראַל קאָמיטעט איז געוואָרן אינגאַנצן קלאָר נאָך דעם זיבעצענטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1934.

האָבנדיק פאַר זיך זייער אַ סך אינפאָרמאַציע וועגן ברוטאַלער הפקרות אין דער באַציאונג צו די טעטיקסטע פאַרטיי־קאַדרעס, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט געשאַפן אַ פאַרטיי־קאָמיסיע אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם צענטראַל קאָמיטעט'ס פרעזידיום. די דאָזיקע פאַרטיי־קאָמיסיע האָט געהאַט אַלס איר אויפגאַבע צו מאַכן אַן אויס־פאָרשונג און אויסגעפינען וואָס עס האָט מעגלעך געמאַכט די מאַסן־אונטערדריקונגען קעגן דער מערהייט פון צענטראַל קאָמיטעט'ס מיט־גלידער און קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם זיבנצענטן צוזאַמענפאָר פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס).

די קאָמיסיע האָט זיך באַקענט מיט אַ סך מאַטעריאַלן אין די אַר־כיוון פון דער ען. קאַ. ווע. דע. (געהיים פאָליציי) און מיט אַנדערע דאָ־קומענטן און האָט פעסטגעשטעלט אַ סך פאַקטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט פעלשונגען פון קלאַגעס קעגן קאָמוניסטן, מיט פאַלשע באַשולדי־

קונגען, מיט אָפן־מיסברויכן די סאָציאַליסטישע געזעצן, און דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז אומשולדיקע מענטשן זאָלן געטויט ווערן.

ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ סך פּאַרטיי־מענטשן, רעגירונגס־באַאַמטע און עקאָנאָמישע טוער, וועלכע זיינען אין 1937 און אין 1938 געשטעמפּלט געוואָרן אַלס „שונאים״, זיינען אין דער אמת׳ן קיינמאָל נישט געווען קיין שונאים, שפּיאָנען, צעשטערער און אַזוי ווייטער, נאָר אַז זיי זיינען גאָר געווען ערלעכע קאָמוניסטן.

זיי זיינען אָבער דאָך געווען געשטעמפּלט אַלס „שונאים״ און אָפטמאָל, אַז זיי האָבן שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן די גרויזאַמע פּייניקונגען, האָבן זיי אויפן באַפעל פון די אויספאָרשנדיקע ריכטער, די פעלשער — זיך אַליין באַשולדיקט אין אַלערליי שרעקלעכע און אומגלויבלעכע פאַרברעכנס.

די קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט דעם פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט אויספירלעכע מאַטעריאַלן וועגן די מאַסן־פאַרפאָלגונגען קעגן די דעלעגאַטן פון דעם זיבעצענטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און קעגן מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט, וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן אויף יענעם צוזאַמענפאָר. דער פּרעזידיום פון צענטראַל קאָמיטעט האָט געשטודירט די דאָזיקע מאַטעריאַלן.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פון די 139 מיטגלידער און קאַנדידאַטן פון דער פּאַרטיי׳ס צענטראַל קאָמיטעט, וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן אויף דעם זיבעצעטן צוזאַמענפאָר, זיינען 98 פּערזאָן, דאָס הייסט 70 פּראָצענט, אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן, מערסטנס אין 1937 און 1938.

(פאַרביטערטע אויפרעגונג אין זאַל).

ס׳איז באַוואוסט, אַז אַכציק פּראָצענט פון די אָנטיילנעמער, וועלכע האָבן געהאַט שטימרעכט אויפן זיבעצעטן צוזאַמענפאָר, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי אין די יאָרן פון קאָנספּיראַציעס פאַר דער רעוואָלוציע און אין די יאָרן פון בירגער־קריג. דאָס מיינט, אַז זיי זיינען אַריין אין דער פּאַרטיי פאַר 1921. לויט זייער סאָציאַלן אָפּשטאַם זיינען די מערסטע דעלעגאַטן אויף דעם צוזאַמענפאָר געווען אַרבעטער (60 פּראָצענט פון די מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַט רעכט צו שטימען).

ס׳איז דעריבער אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ צוזאַמענפאָר פון אַזאַ צוזאַמענשטעל האָט געקענט דערוויילן אַ צענטראַל קאָמיטעט, אין וועלכן די מערסטע זאָלן זיין שונאים פון דער פּאַרטיי.

די איינציקע אורזאַך פאַרוואָס זיבעציק פּראָצענט פון צענטראַל קאָמיטעט׳ס מיטגלידער און קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען דערוויילט גע־וואָרן אויפן 17טן צוזאַמענפאָר, זיינען געשטעמפּלט געוואָרן אַלס שונאים פון דער פּאַרטיי און פון פאָלק, איז געווען דאָס, וואָס אויף ערלעכע קאָ־מוניסטן זיינען געמאַכט געוואָרן בלבולים און געפעלשטע באַשולדי־גונגען און די רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט איז געוואָרן אונטער־געגראָבן.

דעמזעלביקן שיקזאַל האָבן געהאַט נישט נאָר די מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט, נאָר אויך די מערסטע דעלעגאַטן פון דעם 17טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. פון 1966 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט אָדער מיט באַראַטונגס־רעכט, זיינען עלף הונדערט מיט אַכט פּערזאָן אַרעסטירט געוואָרן אויף קלאָגעס, אַז זיי זיינען באַגאַנגען פאַרברעכנס קעגן דער רעוואָלוציע. דאָס הייסט, אַז מער ווי אַ מערהייט איז אַרעסטירט גע־וואָרן. דער דאָזיקער פאַקט אַליין ווייזט, ווי לעכערלעך, ווי ווילד און ווי אומזיניק עס זיינען געווען די באַשולדיקונגען אין קאָנטר־רעוואָלו־ציע, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, ווי מיר זען איצט, קעגן דער מער־הייט פון די אָנטיילנעמער אין דעם 17טן צוזאַמענפאָר.

(פאַרביטערטע אויפרעגונג אין זאַל).

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דער 17טער צוזאַמענפאָר איז אין דער געשיכטע באַוואוסט אַלס „דער צוזאַמענפאָר פון זיגער”. דעלע־גאַטן פון יענעם צוזאַמענפאָר זיינען געווען טעטיקע אָנטיילנעמער אין דעם אויפבוי פון אונזער סאָוועטישער מלוכה. אַ סך פון זיי זיינען אויסגעשטאַנען ליידן און האָבן געקעמפט פאַר דער פּאַרטיי אין די יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע, אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און אויף די פראָנטן פון בירגער־קריג. זיי האָבן געקעמפט העלדיש קעגן זייערע שונאים און האָבן אָפטמאָל געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין. ווי אַזוי־זשע קענען מיר גלויבן, אַז אַזעלכע מענטשן זיינען געווען צוויי־פּנים׳דיק, און אַז זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דעם לאַגער פון די שונאים פון סאָציאַליזם אין דער עפּאָכע נאָך דער פּאָליטישער אויס־ראָטונג פון די זינאָוויעוויסטן, טראָצקיסטן און די רעכטע, און נאָך די גרויסע דערגרייכונגען פון סאָציאַליסטישן אויפבוי?

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון סטאַלינ׳ס מיסברויכן די מאַכט, דערפון וואָס ער האָט אָנגעהויבן באַנוצן טעראָר קעגן די טע־טיקסטע פּאַרטיי־קאַדרעס.

וואָס איז געווען די אורזאַך דערפון, וואָס די פאַרפאָלגונגען קעגן

די טיכטיקסטע מיטגלידער זיינען אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן נאָך דעם 17טן צוזאַמענפאָר? דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס צו יענער צייט האָט סטאַלין זיך אַליין אויף אַזוי פיל דערהויבן איבער דער פּאַרטיי און איבער דעם פאָלק, אַז ער האָט זיך אויפגעהערט צו רע־כענען אי מיט דעם צענטראַל קאָמיטעט, אי מיט דער פּאַרטיי.

פאַרן 17טן צוזאַמענפאָר, נאָך דער פולשטענדיקער פּאָליטישער פאַרניכטונג פון די טראָצקיסטן, זינאָוויעוויסטן און בוכאַריניסטן, ווען ער האָט זיך נאָך גערעכנט מיט דער מיינונג פון קאָלעקטיוו, ווען אַלס רעזולטאַט פון יענעם קאַמף און די סאָציאַליסטישע זיגן, האָט די פּאַרטיי דערגרייכט אייניקייט, האָט סטאַלין נאָך מער אויפגעהערט צו רעכענען זיך מיט די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי׳ס צענטראַל קאָ־מיטעט און אַפילו מיט די מיטגלידער פון דער פּאָליטישער ביוראָ. סטאַלין האָט געדענקט, אַז איצט קען ער שוין אַלצדינג אַליין באַשליסן, און אַלץ וואָס ער דאַרף איז בלויז סטאַטיסטן. אַלע אַנדערע האָט ער באַהאַנדלט אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי האָבן געקענט נאָר צוהערן זיך צו אים און אים גלויבן.

נאָך דער קרימינעלער דערמאָרדונג פון סערגעי קיראָוו האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אונטערדריקונגען און ברוטאַלע פאַרגוואַלטיקונג פון סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט.

אין אָוונט פון ערשטן דעצעמבער, 1934, האָט אויף סטאַלינ׳ס איניציאַטיוו (אָן דער גוטהייסונג פון דער פּאָליטישער ביוראָ, וועלכע האָט עס מיט צוויי טעג שפּעטער לייכטזיניק באַשטעטיקט) דער סע־קרעטאַר פון פּרעזידיום פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוון קאָמיטעט, אַבעל יענוקידזע, אונטערגעשריבן דעם פאָלגענדן באַפעל:

„1. די אויספאָרשונגס־אַגענטורן ווערן אינסטרואירט צו פאַר־שנעלערן די פּראָצעסן פון די יעניקע, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין צוגרייטן אָדער דורכפירן טעראָריסטישע איבערפאַלן;

2. די געריכט־אַמטן ווערן אינסטרואירט נישט אָפּצולייגן דאָס דורכפירן פון הינריכטונגען אין פאַרבינדונג מיט פאַרברעכנס פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מיטן צוועק צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון אַ באַגנאַדיגונג. דאָס איז דערפאַר וואָס דער פּרעזידיום פון צענטראַלן עקזעקוטיוון קאָמיטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האַלט נישט פאַר מעג־לעך אויפצונעמען אַזעלכע ביטעס;

3. די אַמטן פון דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנ־הייטן ווערן אינסטרואירט דורכצופירן די טויט־שטראָף קעגן די פאַר־

ברעכער פון דער אויבן־דערמאָנטער קאַטעגאָריע באַלד נאָך דעם ווי די אורטיילן וועלן אַרויסגעגעבן ווערן".

אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן באַפעל זיינען אָנגעפאַנגען געוואָרן די מאַסן־פאַרלעצונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט.

אין פאַרלויף פון די פילע פּראָצעסן אויף געפעלשטע קלאַגן זיינען די גע'משפט'ע באַשולדיקט געוואָרן אין „צוגרייטן" טעראָריסטישע איבערפאַלן. דאָס האָט ביי זיי באַלד אַוועקגערויבט יעדע מעגלעכקייט אויסצופירן, אַז די קלאַגעס קעגן זיי זאָלן אויף ס'ניי אונטערזוכט ווערן. אַפילו אַז זיי האָבן דערקלערט אין געריכט, אַז מ'האָט זיי דורך פּייניקונג געצוואונגען זיך מודה צו זיין און אַפילו, אַז זיי האָבן אויף אַן איבער־צייגנדיקן שטייגער באַוויזן, אַז זיי זיינען אומשולדיק.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז ביז דעם הייַנטיקן טאָג זיינען די אומ־שטענדן פון קיראָוו'ס דערמאָרדונג אַזעלכע, אַז זיי פאַרדעקן אַ סך זאַכן, וואָס זיינען אומפאַרשטענדלעך און געהיימניספול און פאָדערן, אַז זיי זאָלן פאַרזיכטיק אויסגעפאָרשט ווערן.

עס זיינען פאַראַן אורזאַכן צו פאַרדעכטיקן, אַז קיראָוו'ס מערדער, לעאָניד ניקאָלאַיעוו, האָט געהאַט אַלס אַן אַרויסהעלפער איינעם פון די פּערזאָנען, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַוואַכן קיראָוו'ן. מיט אַנדערהאַלבן חדשים פאַרן מאָרד איז ניקאָלאַיעוו אַרעסטירט גע־וואָרן פאַר פאַרדעכטיקטער אויפפירונג, אָבער ער איז באַפרייט גע־וואָרן און מען האָט אים אַפילו נישט באַזוכט.

ס'איז אויסערגעוויינלעך פאַרדעכטיקט וואָס ווען דער טשעקיסט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו באַוואַכן קיראָוו'ן, איז געפירט גע־וואָרן צו אַן אונטערזוכונג דעם צווייטן דעצעמבער, 1934, איז ער דער'הרג'עט געוואָרן אין אַן אויטאָמאָביל־עקסידענט, אין וועלכן קיינער פון די אַנדערע, וואָס זיינען געפאָרן אין דעם אויטאָמאָביל, איז נישט באַשעדיקט געוואָרן.

נאָך קיראָוו'ס דערמאָרדונג האָבן הויכע באַאַמטע פון דער לענינ־גראַדער געהיים־פּאָליציי (ען. קאַ. ווע. דע.) באַקומען אַ זייער לייכטע שטראָף, אָבער אין יאָר 1937 זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן. מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אַז זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן מיטן צוועק צו פאַר־דעקן די שפּורן צו די, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די דערמאָרדונג פון קיראָוו'ן.

די מאַסן אונטערדריקונגען זיינען גוואַלדיק געוואַקסן זינט דעם סוף פון יאַנואַר, 1936, נאָכדעם ווי סטאַלין און אַנדרעי זשדאַנאָוו

האָבן געשיקט אַ טעלעגראַמע, דאַטירט דעם 25סטן סעפּטעמבער, 1936, צו לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, וויאַטשעסלאַוו מאָלאָטאָוו און צו אַנדערע מיטגלידער פון דער פּאָליט־ביוראָ. דער אינהאַלט פון יענער טעלעגראַמע איז ווי פאָלגט:

„מיר האַלטן פאַר אַבסאָלוט נויטיק און דרינגענד, אַז ניקאָלאַי יעזשאָוו זאָל נאָמינירט ווערן צו פאַרנעמען דעם אַמט פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. הענריך יאַגאָדאַ האָט זיך באַשטימט אַרויסגעוויזן פאַר אומפעאיק אַראָפּצורייסן די מאַסקע פון דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישער פאַראייניקונג. די „געפּעאו" איז אויף פיר יאָר הינטערשטעליק אין דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס זאָגן אַלע פּאַרטיי־טוער און די מערהייט פאַרטרעטער פון דער ען. קאַ. ווע. דע."

צוליב פּינקטלעכקייט דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז סטאַלין האָט זיך נישט באַגעגנט מיט פּאַרטיי־טוער און האָט נישט געוואוסט וואָס זייערע מיינונגען זיינען.

די סטאַליניסטישע דערקלערונג, אַז די „ען. קאַ. ווע. דע. (די געהיים־פּאָליציי) איז אויף פיר יאָר הינטערשטעליק" אין אָנווענדן מאַסן־אונטערדריקונג און אַז עס איז „נויטיק אָנצויאָגן" די פאַרנאַכלעסיקטע אַרבעט, האָט דירעקט געטריבן די געהיים־פּאָליציי אויף דעם וועג פון מאַסן־אַרעסטן און הינריכטונגען.

די דאָזיקע דערקלערונג איז אויך אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מערץ און אַפּריל, 1937. די רעזאָלוציע פון דער אַלגעמיינער זיצונג האָט די דערקלערונג גוטגעהייסן אויפן גרונט פון יעשאָוו'ס באַריכט „וואָס מיר לערנען פון דער שעדלעכער טעטיקייט, שטערונג און שפּיאָנעריי פון די יאַפּאַנעזיש־דייטש־טראָצקישטישע אַגענטן".

אין דער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרן:

„די אַלגעמיינע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) איז מיט דער מיינונג, אַז אַלע פאַקטן, וועלכע זיינען אויפגעדעקט געוואָרן אין פאַרלויף פון דער אונטערזוכונג וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן אַנטי־סאָוועטישן טראָצקיסטישן צענטער און פון

זיינע נאָכפאָלגער אויף דער פּראָווינץ, צייגן, אַז דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן איז הינטערשטע־ליק אויף פיר יאָר אין דעם פאַרזוך אויפצודעקן די פאַרביסנסטע שונאים פון פאָלק״.

די מאַסן־אונטערדריקונגען זיינען דאָס מאָל אָנגעפירט געוואָרן אונטערן שלאָג־וואָרט, אַז ס׳איז אַ קאַמף קעגן די טראָצקיסטן. אָבער זיינען דען די טראָצקיסטן צו יענער צייט ווירקלעך געווען אַ געפאַר פאַר אונזער פּאַרטיי אין דער סאָוועטישער מלוכה? ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין 1927, ערב דעם פופצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, זיי־נען בלויז אַרום פיר טויזנט שטימען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישער אָפּאָזיציע און 724 טויזנט האָבן גע־שטימט פאַר דער פּאַרטיי־ליניע. אין די צען יאָר, וואָס זיינען אַוועק צווישן דעם פופצענטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און דער אַלגעמיינער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט אין פעברואַר און מערץ, 1937, איז דער טראָצקיזם אינגאַנצן אַנטוואָפנט געוואָרן. אַ סך געוועזענע טראָצקיסטן האָבן געענדערט זייערע פריערדיקע מיינונגען און האָבן געאַרבעט אין די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען וואָס האָבן געבויט סאָציאַליזם. ס׳איז אַזוי־אַרום קלאָר, אַז אין די אומשטענדן פון אַ סאָציאַליסטישן זיג איז נישט געווען קיין גרונט פאַר איינפירן אַ מאַסן־טעראָר אין לאַנד.

## קאַפּיטל פיר

# געפעלשטע באַשולדיקונגען

סטאַלין האָט אין זיין באַריכט אויף דער אַלגעמיינער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט אין פעברואַר און מערץ 1937 וועגן די ״חסרונות פון דער אַרבעט און די מעטאָדן פון דער פּאַרטיי צו ליקווידירן די טראָצקיסטן און די אַנדערע צוויי־פּנים׳דיקע״, געמאַכט אַ פאַרזוך טעאָ־רעטיש צו באַרעכטיקן דעם איינגעפירטן מאַסן־טעראָר אונטערן אויס־רייד, אַז אין דער צייט, וואָס מיר מאַרשירן פאָראויס צום סאָציאַליזם, מוזן מיר, הייסט עס, פאַרשאַרפן דעם קלאַסן־קאַמף. סטאַלין האָט גע־זאָגט, אַז דאָס לערנט אונז סיי די געשיכטע, סיי לענין.

אין דער אמת׳ן האָט אונז לענין געלערנט, אַז ס׳איז נויטיק צו באַנוצן רעוואָלוציאָנערע גוואַלד־מיטלען בלויז, אַז ס׳איז פאַראַן אַ

ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן. און מיט דעם האָט לענין געמיינט די צייט, ווען די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן האָבן נאָך עקזיסטירט און זיינען געווען מעכטיק.

אַזוי שנעל ווי די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז בעסער געוואָרן, ווען אין יאַנואַר, 1920, האָט די רויטע אַרמיי גענומען ראָסטאָוו און האָט אַזוי־אַרום געהאַט אַ גרויסן זיג איבער דעניקינ׳ען, האָט לענין איינ־סטרואירט דזשערדזשינסקי׳ן אָפּצושטעלן דעם מאַסן־טעראָר און אָפּ־שאַפן טויט־שטראָף. לענין האָט דאָס באַרעכטיקט אין אַ באַריכט אויף דער זיצונג פון דער אַל־פאַרבאַנדישער צענטראַלער עקזעקוטיווער קאָ־מיסיע, דעם 2טן פעברואַר, 1920:

„מיר זיינען געווען געצוואונגען צו באַנוצן טעראָר איבער דעם טעראָר, וואָס עס האָבן אָנגעפירט די עלאַיס, ווען שטאַרקע גרויסמאַכטן האָבן אַריינגעשיקט זייערע האָרדעס קעגן אונז און ס׳האָט ביי זיי נישט אויסגעמאַכט מיט וואָס פאַר אַ מיטלען זיי האָבן אונז באַקעמפט. מיר וואָלטן זיך נישט געווען געקענט האַלטן אַפילו צוויי טעג, ווען מיר וואָלטן נישט אָפּגעענטפערט אויף אַן אָן־ברחמנות׳דיקן שטייגער אויף די דאָזיקע אַטאַקעס פון די אָפיצירן און ווייס־גוואַרדעיער. דאָס האָט געמיינט אָנ־ווענדן טעראָר, אָבער דאָס איז אויף אונז אַרויפגעצוואונגען גע־וואָרן דורך טעראָריסטישע מעטאָדן פון די עלאַיס.

אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבן געהאַט אַן אַנטשיידענעם זיג, אַפילו איידער די מלחמה האָט זיך געענדיקט, באַלד נאָכן נעמען ראָסטאָוו, האָבן מיר אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף. אַזוי־אַרום האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר האָבן בדעה דורכצופירן אונזער פּראָגראַם אויף דעם שטייגער, ווי מיר האָבן צוגעזאָגט. מיר זאָגן, אַז דאָס אָנווענדן גוואַלד־מיטלען איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַשלוס צו דערשטיקן די עקספּלואַטאַטאָרס, די גרויסע לאַנד־באַזיצער און די קאַפּיטאַליסטן. אַזוי שנעל ווי דאָס איז דער־גרייכט געוואָרן, האָבן מיר אויפגעהערט אָנווענדן אומגעוויינ־לעכע מעטאָדן.

מיר האָבן דאָס באַוויזן אין דער ווירקלעכקייט".

סטאַלין האָט זיך אָפּגעווענדעט פון די דאָזיקע קלאָרע און איינ־פאַכע אידעען פון לענינ׳ען. סטאַלין האָט געווירקט אויף דער פּאַרטיי און דער ען. קאָ. ווע. דע. (דער געהיים פּאָליציי), אַז זיי זאָלן אָנווענדן

מאַסן־טעראָר, ווען די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן זיינען שוין געווען פאַרניכטעט ביי אונז אין לאַנד און עס זיינען נישט געווען קיינע ערנסטע אורזאַכן פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן מאַסן־טעראָר.

דער דאָזיקער טעראָר איז אין דער אמת׳ן געווען געווענדעט נישט קעגן די רעשטלעך פון די באַזיגטע עקספּלואַטאַטאָר־קלאַסן, נאָר קעגן די ערלעכע טוער אין דער פּאַרטיי און אין דער רעגירונג. קעגן זיי זיינען עס געמאַכט געוואָרן די ליגנערישע און אומזיניקע פאַרלוימ־דונגען וועגן „צוויי־פּנים׳דיקייט", „שפּיאָנאַזש", „סאַבאָטאַזש", וועגן צוגרייטן אויסגעטראַכטע „פאַרשווערונגען" און אַזוי ווייטער.

אויף דער אַלגעמיינער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט, אין פעברואַר און מערץ, 1937, האָבן אַ סך מיטגלידער אויסגעדריקט זייער צווייפל, צי ס׳איז געווען אַ באַרעכטיקונג פאַר איינפירן מאַסן־אונ־טערדריקונגען אונטערן אויסרייד פון באַקעמפן צוויי־פּנים׳דיקייט.

חבר פּאַוועל פּאָרטישעוו האָט זייער גוט אויסגעדריקט דעם דאָ־זיקן צווייפל. ער האָט געזאָגט:

„איך פאַרזוכלעך גלויב נישט, אַז אין 1934 האָט זיך אין דעם שונא׳ס לאַגער געפונען אַן ערלעכער פּאַרטיי־מיטגליד, וועל־כער איז דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן, שווערן וועג פון עקשנות־דיקן קאַמף קעגן די שונאים פון דער פּאַרטיי און פאַר דעם סאָ־ציאַליזם. איך קען דאָס נישט גלויבן..."

באַנוצנדיק זיך מיט סטאַלינ׳ס דערקלערונג, אַז וואָס נענטער מיר וועלן קומען צום סאָציאַליזם, אַלץ מער שונאים וועלן מיר האָבן, און אָנווענדנדיק די רעזאָלוציע וואָס דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אָנ־גענומען אויף דער אַלגעמיינער זיצונג, אין 1937, אויף דעם גרונט פון יעשאָוו׳ס באַריכט, האָבן פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך אַריינגע־כאַפּט אין שוץ־אָפּטיילונגען פון דער רעגירונג, צוזאַמען מיט די גע־וויסנלאָזע קאַריערע־סטן, אָנגעהויבן פאַרטיידיקן, אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, דעם מאַסן־טעראָר קעגן די טעטיקסטע גרופּעס אין דער פּאַרטיי און אין דער סאָוועט־רעגירונג, און קעגן די געוויינלעכע סאָ־וועטישע בירגער. עס איז גענוג דאָ בלויז צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז די צאָל אַרעסטירטע, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרברעכנס, איז צען מאָל פאַרגרעסערט געוואָרן צווישן 1936 און 1937.

עס איז באַוואוסט, אַז פּאַרטיי־טוער זיינען באַהאַנדלט געוואָרן מיט הפקר׳דיקער ברוטאַליטעט. דער סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז גוטגעהייסן געוואָרן אויפן 17טן צוזאַמענפאָר, האָט זיך געשטיצט אויף די לעניניסטישע פּרינציפּן, וועלכע זיינען אויסגעדריקט געוואָרן אויף דעם צענטן צוזאַמענפאָר. דער סטאַטוט זאָגט, אַז אום אויסצו־שליסן פון דער פּאַרטיי אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט, אַ קאַנדי־דאַט פון צענטראַל קאָמיטעט, אָדער אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי׳ס קאָנטראָל־קאָמיסיע, „איז נויטיק צו רופן אַן אַלגעמיינע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט און איינצולאַדן צו דער זיצונג אַלע קאַנדידאַטן פון קאָמיטעט און אַלע מיטגלידער פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע. און ערשט דעמאָלט, אויב צוויי־דריטל מיטגלידער פון אַזאַ אַלגעמיינעם צוזאַמענקונפט פון פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־פירער געפינען עס פאַר נויטיק, קען אַ מיטגליד, אָדער אַ קאַנדידאַט פון צענטראַל קאָמיטעט אויסגעשלאָסן ווערן.

דאָס מיינט, אַז די מערהייט מיטגלידער און קאַנדידאַטן פון דעם צענטראַל קאָמיטעט, וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן אויף דעם 17טן צוזאַמענפאָר און זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין 1937 און 1938, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי אומגעזעצלעך, דורך מיס־ברויכן אויף אַ ברוטאַלן שטייגער דעם סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, ווייל אַן אַלגעמיינע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט האָט אַפילו קיינמאָל נישט באַטראַכט די פראַגן וועגן אויסשליסן זיי.

איצט, אַז די קלאַגעס קעגן אייניקע פון די דאָזיקע אַזויגערופענע „שפּיאָנען״ און „סאַבאָטאַזשניקעס״ זיינען אויסגעפּאָרשט געוואָרן, צייגט זיך אַרויס, אַז אַלע קלאַגן זיינען געווען געפעלשטע און די „ווידוי׳ס״ פון אַ סך אַרעסטירטע און באַשולדיקטע, אַז זיי האָבן גע־אַרבעט פאַרן שונא, זיינען אויסגעפּרעסט געוואָרן דורך דעם וואָס מען האָט זיי גרויזאַם און אוממענטשלעך געפייניקט.

מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ פון יענער צייט האָבן אונז דער־ציילט, אַז סטאַלין האָט זיי נישט געוויזן די דערקלערונגען פון אַ סך אַקטיווע פּאָליטישע טוער, וועלכע האָבן צוריקגעצויגן זייערע „ווידוי׳ס״ פאַר דעם מיליטערישן געריכט און האָבן געבעטן, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אָביעקטיווע אונטערזוכונג וועגן די קלאַגעס קעגן זיי. עס זיינען געווען אַ סך אַזעלכע דערקלערונגען און סטאַלין האָט דאָך גע־וויס וועגן זיי געוואוסט.

דער צענטראַל קאָמיטעט האַלט פאַר אַבסאָלוט נויטיק צו לאָזן וויסן

דעם איצטיקן צוזאַמענפאַר וועגן אַ סך אַזעלכע געפעלשטע פּראָצעסן קעגן די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי׳ס צענטראַל קאָמיטעט, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן אויף דעם 17טן צוזאַמענפאַר.

פאַר אַ ביישפּיל פון די געמיינע פּראָוואָקאַציעס, עקלהאַפטער פעל־שונג און קרימינעלער פאַרגוואַלטיקונג פון רעוואָלוציאָנערער געזעצ־לעכקייט, קאָן דינען דער פאַל מיט אַ געוועזענעם קאַנדידאַט פאַר דעם צענטראַל קאָמיטעט׳ס פּאָליטישער ביוראָ. דאָס איז דער פאַל מיט איינעם פון די באַרימטסטע טוער אין דער פּאַרטיי און אין דער רעגי־רונג, חבר ראָבערט אייכע, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי זינט 1905.

חבר אייכע איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 29סטן אַפּריל, 1938, אויפן גרונט פון פאַרלוימדערישע מאַטעריאַלן, אָן דעם סאָוועטישן פּראָקוראָר׳ס גוטהייסונג, וואָס איז ענדלעך אַרויסבאַקומען געוואָרן ערשט פופצן חדשים נאָכן אַרעסט.

די אונטערזוכונג וועגן די קלאַגעס קעגן אייכע׳ן איז געמאַכט גע־וואָרן אויף אַ שטייגער וואָס איז געווען אַ פאַרגוואַלטיקונג פון דער סאָ־וועטישער געזעצלעכקייט און האָט זיך געשטיצט אויף הפקרות און פעלשונגען.

אייכע איז אַזוי לאַנג געפּייניקט געוואָרן ביז ער האָט אונטערגע־שריבן אַ פּראָטאָקאָל וועגן זיין „ווידוי״, וואָס די אויספאָרשונגס־ריכ־טער האָבן צוגעגרייט און אין וועלכער ער און עטלעכע אַנדערע באַ־רימטע פּאַרטיי־טוער זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אַנטי־סאָוועטי־שער טעטיקייט.

דעם ערשטן אָקטאָבער, 1939, האָט אייכע געשיקט צו סטאַלינ׳ען אַ דערקלערונג אין וועלכער ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז אומ־שולדיק און האָט געפאָדערט, אַז די קלאַגן קעגן אים זאָלן אונטער־זוכט ווערן.

אין זיין דערקלערונג האָט אייכע געשריבן:

„קיינעם איז נישט אַזוי ביטער און פּינצטער ווי איינעם וואָס זיצט אין דער טורמע פון אַ רעגירונג פאַר וועלכער ער האָט שטענדיק גע־קעמפט״.

ס׳איז פאַראַן ביזן היינטיקן טאָג אייכע׳ס אַ צווייטע דערקלערונג, וואָס ער האָט געשיקט צו סטאַלינ׳ען דעם 27סטן אָקטאָבער, 1939. אין דער דאָזיקער דערקלערונג האָט ער אָנגעגעבן פאַקטן אויף אַן איבערצייגנדען אופן און האָט געענטפערט אויף די פאַרלוימדערישע

באַשולדיקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן אים. ער האָט אַרויסגעבראַכט, אַז די פּראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונג איז — פון איין זייט — געווען די אַרבעט פון ווירקלעכע טראָצקיסטן, וואָס זייער אַרעסט האָט ער גוטגעהייסן אַלס דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם מערב־סיבירישן ראַיאָן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און וועלכע האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג זיך נוקם צו זיין אין אים, און — פון דער צווייטער זייט — איז די באַשולדיקונג געווען אַ רעזולטאַט פון מאַטעריאַלן, וועלכע די אויספאָרשונגס־ריכטער האָבן אויף אַ געמיינעם שטייגער געפעלשט.

אין יענער דערקלערונג האָט אייכע געשריבן:

„דעם 25סטן אָקטאָבער פון הייַנטיקן יאָר האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז די אויספאָרשונג פון די קלאַגעס קעגן מיר איז פאַרענדיקט געוואָרן און איך האָב באַקומען אַ צוטריט צו די מאַטעריאַלן פון דער אונטערזוכונג. וואָלט איך געווען שולדיק אַפילו אין אַ הונדערט־חלק פון די פאַרברעכנס אין וועלכע איך ווער באַשולדיקט, וואָלט איך נישט געוואַגט צו שיקן אייך די דאָזיקע דערקלערונג ערב דער היגריכטונג. אָבער איך בין נישט שולדיק אַפילו אין איינער פון די זאַכן פאַר וועלכע איך בין אָנגעקלאָגט געוואָרן און מיין געוויסן האָט נישט אויף זיך דעם מינדעסטן פלעק. איך האָב אייך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזאָגט קיין ליגן און איצט, ווען איך שטיי מיטביידע פיס אין קבר, זאָג איך אויך נישט קיין ליגן. דער גאַנצער פּראָצעס איבער מיר איז אַ טיפּישער ביישפּיל פון פּראָוואָקאַציע, פאַרלוימדונג און פאַרגוואַלטיקונג פון די פונדאַמענטאַלע יסודות פון רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט.

די ווידוי׳ס וואָס זיינען געוואָרן אַ טייל פון מיינע פּראָטאָקאָלן זיינען נישט נאָר אומזיניק, נאָר אין זיי איז אויך פאַראַן פאַרלוימדונג אויף דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און אויף דעם סאָוועט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן — אַ פאַרלוימדונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן נישט אויף מיין איניציאַטיוו...

איך מיין דערמיט דעם שענדלעכסטן טייל פון מיין לעבן און מיין ווירקלעך־שווערע שולד קעגן דער פּאַרטיי און קעגן

אייך. די דאָזיקע שולד מיינע באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב זיך „מודה געווען" אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט...

געשען איז אָט־וואָס:

איך בין נישט געווען אימשטאַנד מער איבערצוטראָגן די פּייניקונגען וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פון אושאַקאָוו׳ן און פון ניקאָלאַיעוו׳ן — באַזונדערס פון אושאַקאָוו׳ן, — וועלכע האָבן געוואוסט, אַז מיינע ריפּן זיינען נאָך נישט געווען אינגאַנצן פאַרהיילט און זיי האָבן דאָס אויסגענוצט צו פאַרשאַפן מיר גרויסע ווייטיקן. אַזוי־אַרום בין איך געצוואונגען געוואָרן צו באַשולדיקן זיך אַליין און אויך אַנדערע.

דעם גרעסטן טייל פון מיין „ווידוי" האָט פאַרגעשלאָגן אָדער דיקטירט אושאַקאָוו און דאָס איבעריקע איז געווען מיינע אַן איבערדערציילונג פון דער געהיים־פּאָליציי׳ס מאַטעריאַלן פון מערב־סיביר פאַר וועלכע איך האָב גענומען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אויב איין טייל פון דער געשיכטע, וואָס איך האָב אונטער־געשריבן האָט זיך נישט געקלעפּט, בין איך געצוואונגען געוואָרן אונטערצושרייבן אַן אַנדער נוסח. דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט רוכימאָוויטש׳ן, וועלכער איז צוערשט באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ מיטגליד פון דער געהיימער רעזערוו־אָרגאַניזאַציע, אָבער זיין נאָמען איז דערנאָך אויסגעשטראָכן געוואָרן, נאָר מיר האָט מען גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם. דאָס זעלבע איז אויך געטאָן געוואָרן מיט דעם פירער פון דער געהיימער רעזערוו־אָרגאַני־זאַציע, וואָס איז כלומרשט געשאַפן געוואָרן פון בוכאַרינ׳ען אין 1935. צוערשט האָב איך אַריינגעשריבן מיין נאָמען און דערנאָך האָט מען מיר געהייסן אַריינשרייבן אויף דעם נאָמען מעזשלאוק. עס זיינען געווען נאָך אַנדערע ענלעכע פאַלן.

איך פאַרלאַנג פון אייך און בעט אייך, אַז איר זאָלט נאָך אַמאָל אויספאָרשן די קלאַגעס קעגן מיר און נישט כדי מיך צו שאַנעווען, נאָר כדי אויפצודעקן די געמיינע פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג אַרומגעוויקלט אַרום אַ סך מענטשן, וועלכע זיינען ביז אַ גרויסער מאָס קרבנות פון מיין געמיינהייט, דערפון וואָס איך האָב זיי אויף אַ פאַרברעכערישן שטייגער פאַרלוימדעט. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרראַטן אייך אָדער די פּאַרטיי. איך

וויס, אַז איך ווער אומגעבראַכט דורך דער עקלהאַפטער און גע־מיינער אַרבעט פון שונאים פון דער פּאַרטיי און פון פאָלק, וועלכע האָבן געמאַכט די פּראָוואָקאַציע קעגן מיר".

ס'איז דאָך, דוכט זיך, קלאָר, אַז אַזאַ וויכטיקע דערקלערונג איז ווערט געווען אַן אונטערזוכונג פון צענטראַל קאָמיטעט. דאָס איז אָבער נישט געטאָן געוואָרן. די דערקלערונג איז איבערגעגעבן געוואָרן צו בעריאַ'ן און די שרעקלעכע פּייניקונג פון דעם קאַנדידאַט פון דער „פּאָליט־ביוראָ" האָט ניט אויפגעהערט.

דעם צווייטן פעברואַר, 1940, איז אייכע געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט. דאָ האָט ער זיך אין קיין זאַך נישט מודה געווען און ער האָט געזאָגט אָט־וואָס:

„אין אַלע אַזוי־גערופענע ווידוי'ס מיינע איז נישט פאַראַן קיין איין בוכשטאַב, וואָס איך האָב אַליין געשריבן, חוץ מיין נאָ־מען, וואָס מ'האָט מיך געצוואונגען אונטערצושרייבן אונטער די פּראָטאָקאָלן. איך האָב זיך מודה געווען אונטערן צוואַנג פון דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט מיך געפּייניקט פון דעם מאָמענט אָן ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן. נאָך דעם האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אָט־דעם אומזין. די וויכטיקסטע זאַך ביי מיר איז צו דערקלערן דעם געריכט, דער פּאַרטיי און סטאַ־לינ'ען, אַז איך בין אומשולדיק. איך בין קיינמאָל נישט געווען פאַרמישט אין אַ פאַרשווערונג. איך וועל שטאַרבן גלויבנדיק אין דעם אמת פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם, ווי איך האָב גע־גלויבט מיין גאַנץ לעבן".

דעם 4טן פעברואַר איז אייכע דערשאָסן געוואָרן. ס'איז איצט דורכאויס פעסטגעשטעלט, אַז די קלאָגן קעגן אייכע'ן זיינען געווען געפעלשטע. זיין נאָמען איז שוין ריינגעוואַשן געוואָרן — נאָכן טויט.

## קאַפּיטל פינף

# באַשולדיקטע ריינגעוואַשן — נאָכן טויט

חבר יאַן רודזוטאַק, אַ קאַנדידאַט־מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי זינט 1905, וועלכער האָט געשמאַכט צען

יאָר אויף צאַרישער קאַטאָרגע, האָט אין געריכט אינגאַנצן צוריקגעצויגן די „ווידוי״, וואָס מ׳האָט פון אים אַרויסגעצוואונגען. אין פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון דעם קאָלעגיום פון דעם העכסטן מיליטערישן געריכט איז פאַראַן די פאָלגנדיקע דערקלערונג, וואָס רודזוטאַק האָט געמאַכט:

„דער איינציקער אַפּיל וואָס ער האָט געמאַכט פאַרן געריכט איז געווען, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) זאָל אינפאָרמירט ווערן, אַז אין דער ען. קאַ. ווע. דע. (אין דער געהיים־פּאָליציי) איז פאַראַן אַ נאָך נישט־ליקווידירטער צענטער וואָס פעלשט קונציק קלאַגעס אין וועלכע אומשולדיקע מענטשן ווערן געצוואונגען זיך מודה צו זיין. ס׳איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז איינער האָט זיך נישט באַטייליקט אין די פאַרברעכנס, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די ווידוי׳ס פון אַלערליי מענטשן. די אויספאָרשונגס־מעטאָדן זיינען אַזעלכע, אַז זיי צווינגען מענטשן צו זאָגן ליגן און צו פאַרלוימדן אומשולדיקע פערזאָנען חוץ די, וועלכע זיינען שוין פון פריער באַשולדיקטע.

ער בעט דאָס געריכט, אַז אים זאָל דערלויבט ווערן צו לאָזן וויסן דעם צענטראַל קאָמיטעט וועגן דעם שריפטלעך. ער פאַרזיכערט דאָס געריכט, אַז ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שלעכטע אַבזיכטן בנוגע דער פּראָגראַם פון אונזער פּאַרטיי, ווייל ער האָט שטענדיק איינגעשטימט מיט דער פּאַרטיי־פּראָגראַם פאַר אַלע געביטן פון עקאָנאָמישער און קולטורעלער טעטיקייט״.

די דאָזיקע דערקלערונג פון רודזוטאַק׳ן איז אינגאַנצן איגנאָרירט געוואָרן טראָץ דעם וואָס רודזוטאַק איז צו יענער צייט געווען דער הויפּט פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין איינקלאַנג מיט לענינ׳ס אידעע צו קעמפן פאַר פּאַרטיי־איינִיקייט. אויף אַזאַ שטייגער איז דער הויפּט פון דער דאָזיקער הויכער און זייער וויכטיקער קערפּערשאַפט געפאַלן אַ קרבן פון ברוטאַלער הפקרות. ער איז אַפילו נישט גערופן געוואָרן צו דער פּאָליטישער קאָמיטע פון צענטראַל קאָמיטעט, ווייל סטאַלין האָט נישט געוואָלט רעדן צו אים. אין צוואַנציק מינוט צייט איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן

דער אורטייל קעגן אים און ער איז דערשאָסן געוואָרן. (פאַרביטערטע אויפרעגונג אין זאַל).

נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס איז אין 1955 פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די קלאָגע קעגן רודזוטאַק׳ן איז געווען אַ פאַלשע און האָט זיך געשטיצט אויף פאַרלוימדערישע מאַ־טעריאַלן. רודזוטאַק׳ס נאָמען איז ריינגעוואַשן געוואָרן — נאָכן טויט.

ווי אַזוי די געוועזענע באַאַמטע פון דער עו. קאַ.ווע. דע. האָבן געשאַפן אַלערליי נישט־געשטויגענע „אַנטי־סאָוועטישע צענטערס" און „בלאָקס", מיט דער הילף פון פּראָוואָקאַטאָרישע מעטאָדן, קאָן מען זען פון דער „ווידוי" פון חבר ראָזענבלום, וועלכער איז אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי זינט 1906 און איז אין 1937 אַרעסטירט געוואָרן דורך דער לענינגראַדער געהיים־פּאָליציי.

אין פאַרלויף פון דער אויספאָרשונג אין 1955 וועגן דעם קאָמאַראָוו־פּראָצעס האָט ראָזענבלום אויפגעדעקט דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

ווען ראָזענבלום איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1937, איז ער שרעק־לעך געפּייניקט געוואָרן. בשעת מען האָט אים געפּייניקט האָט מען אים באַפוילן, אַז ער זאָל, אין דער פאָרם פון אַ ווידוי, געבן פאַלשע אינ־פאָרמאַציע וועגן זיך אַליין און וועגן אַנדערע פּערזאָנען. ער איז דאַן געבראַכט געוואָרן אין דער קאַנצעלאַריע פון לעאָניד זאַקאָווסקי, וועל־כער האָט אָנגעבאָטן אים צו באַפרייען אויפן באַדינג, אַז ער זאָל זיך אין געהיים מודה זיין אין געפעלשטע באַשולדיקונגען, וועלכע די עו. קאַ. ווע. דע. (די געהיים־פּאָליציי) האָט אין 1937 אויסגעאַרבעט וועגן „סאַבאָטאַזש, שפּיאָנאַזש אַנדערע צעשטערונגס־אַרבעט אין אַ טעראָ־ריסטישן צענטער אין לענינגראַד". (באַוועגונג אין זאַל). מיט אומגלויב־לעכן ציניזם, האָט זאַקאָווסקי גערעדט וועגן די נידערטרעכטיקע מיטלען וואָס ווערן קונציק אָנגעווענדעט צו פעלשן קלאַגעס וועגן „אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען".

„אום צו געבן אַ ביישפּיל, — האָט ראָזענבלום דערציילט — האָט מיר זאַקאָווסקי אויף עטלעכערליי אופנים געשילדערט ווי אַזוי עס ווערט אָרגאַניזירט אַזאַ פאַרשווערונגס־צענטער און זיינע אָפּטיי־לונגען. נאָך דעם ווי ער האָט מיר אָפּגעשילדערט ווי אַזוי אַזאַ „צענטער" איז כלומרשט אָרגאַניזירט, האָט מיר זאַקאָווסקי געזאָגט, אַז די עו. קאַ. ווע. דע. וועט צוגרייטן אַן אָנקלאַגע קעגן דעם „צענטער". דערביי האָט ער געזאָגט, אַז דער פּראָצעס וועט זיין אַן עפנטלעכער.

„פאַרן געריכט האָבן געזאָלט געבראַכט ווערן פיר אָדער פינף

מיטגלידער פון צענטער: כודאָוו, אוגאַראָוו, סמאָראַדין, פאָזערן, כור־דאָוו'ס פרוי, שאַפּאָשניקאָוואַ, און אַנדערע, צוזאַמען מיט צוויי אָדער דריי מיטגלידער פון דעם צענטער'ס אָפּטיילונגען...

„די אָנקלאַגע קעגן דעם לענינגראַדער צענטער האָט געדאַרפט זיין אַ שטאַרקע און צוליב דעם זיינען נויטיק געווען עדות. דער סאָ־ציאַלער אָפּשטאַם (אין דער פאַרגאַנגענהייט, באַטיילפֿלעך) און דער פאַרטיי־רעקאָרד פון יעדן עדות האָט דערביי געדאַרפט שפּילן אַ ניט־קליינע ראָלע.

„איר אַליין, — האָט זאַקאָווסקי געזאָגט, — וועט גאָרנישט דאַרפן אויסטראַכטן. די ען. קאַ. ווע. דע. וועט צוגרייטן אַ פאַרטיקע באַשריי־בונג פון יעדער אָפּטיילונג פון דעם צענטער. איר וועט דאָס דאַרפן גרינטלעך אויסלערנען און גוט געדענקען אַלע פראַגן און ענטפערס, וואָס דאָס געריכט קאָן אייך פרעגן. אַלצדינג וועט זיין פאַרטיק פאַרן משפט אין פיר אָדער פינף חדשים, אָדער אפשר אין אַ האַלב יאָר אַרום. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט וועט איר זיך צוגרייטן אַזוי, אַז איז זאָלט נישט מאַכן צו שאַנד די אויספאָרשונג און זיך אַליין. אייער צוקונפט וועט אָפּהענגען פון דעם פּראָצעס און פון דעם ווי אַזוי ער וועט זיך ענדיקן. אויב איר וועט אַנהויבן זאָגן ליגן און זיין אַ פאַלשער עדות, וועט עס זיין אייער אייגענע שולד. אָבער אויב איר וועט באַווייזן צו האַלטן זיך פעסט, וועט איר ראַטעווען אייער אייגענעם קאָפּ און מיר וועלן אייך שפייזן און קליידן ביזן טויט אַריין אויפן חשבון פון דער רעגירונג".

דאָס זיינען די געמיינהייטן וואָס זיינען דאַן די גאַנצע צייט באַ־גאַנגען געוואָרן.

געפעלשטע פּראָצעסן זיינען געווען נאָך מער פאַרשפּרייט אויף דער פּראָווינץ. די אָפּטיילונג פון דער ען. קאַ. ווע. דע. (די געהיים־פּאָליציי) אין דעם סווערדלאָווסקער ראַיאָן האָט כלומרשט „אַנטדעקט" דעם אַזוי־גערופענעם „שטאַב פאַר אַן אוראַלער אויפשטאַנד". דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פירנדיקע גרופּע פון דער פאַראייניקונג פון רעכטע, טראָצקיסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, רעליגיעזע פירער, און אַלס זייער אָנפירער איז אָנגעגעבן געוואָרן קאַבאַקאָוו, דער סעקרעטאַר פון דעם סווערדלאָווסקער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, וועלכע איז אויך געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַר־באַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס). קאַבאַקאָוו איז גע־ווען אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי זינט 1914.

די אויספאָרשונגס־מאַטעריאַלן פון יענער צייט ווייזן כלומרשט, אַז אין כמעט אַלע געגענטן, ראַיאָנען און רעפובליקן האָבן עקזיסטירט „רעכטע טראָצקיסטישע, טעראָריסטיש־שפּיאָנישע און צעשטערע־רישע סאַבאָטאַזש־אָרגאַניזאַציעס און צענטערס", און אַז די אָנפי־רערס פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווײנלעך געווען די ערשטע סעקרעטאַרן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די ראַיאָנען אָדער רעפובליקן, אָדער די סעקרעטאַרן פון די צענטראַל קאָמיטעטן. (באַוועגונג אין זאַל).

אַ סך טויזנטער ערלעכע און אומשולדיקע קאָמוניסטן זיינען גע־טויט געוואָרן דורך דער טייוולישער פעלשונג פון אַזעלכע קלאַגעס. און געשען איז עס דורך דעם, וואָס אַלערליי פּאַרלוימדערישע „ווידוי׳ס" זיינען אָפּגענומען געוואָרן אַלס „באַווייזן" און דורך דעם וואָס ס׳איז איינגעפירט געוואָרן צו צווינגען מענטשן אַז זיי זאָלן באַשולדיקן זיך אַליין און אַנדערע.

אויף דעם זעלביקן שטייגער זיינען געפעלשט געוואָרן קלאַגעס און באַווייזן קעגן אַזעלכע באַרימטע טוער פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג ווי קאָסיאָר, טשובאַר, פּאָסטישעוו, קאָסאַריאָוו און אַנדערע.

ס׳איז דערמוטיקט געוואָרן דער איינפיר, אַז די ען. קאַ. ווע. דע. (די געהיים־פּאָליציי) זאָל צוגרייטן ליסטעס פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן געדאַרפט גע׳משפט ווערן פון מיליטערישן גריכט און דער אור־טייל קעגן זיי איז צוגעגרייט געוואָרן באַצייטנס. יעזשאָוו פלעגט אַריינ־שיקן דידאָזיקע ליסטעס צו סטאַלינ׳ען פּערזענלעך, אַז ער זאָל גוט־הייסן די פאָרגעשלאָגענע שטראָף. אין 1936 און 1937 זיינען געשיקט געוואָרן צו סטאַלינ׳ען 383 אַזעלכע ליסטעס מיט נעמען פון אַ סך טויזנטער טוער פון דער פּאַרטיי, פון דער רעגירונג, פון קאָמסאָמאָל (יוגנט־אָרגאַניזאַציע), פון דער אַרמיי און פון עקאָנאָמישע קערפּער־שאַפטן. סטאַלין האָט די אַלע ליסטעס גוטגעהייסן.

אַ סך פון דידאָזיקע פּראָצעסן ווערן איצט אויסגעפאָרשט און אַ סך פון זיי ווערן דערקלערט פאַר נישט גילטיק, ווייל די קלאַגעס זיינען געווען אומבאַגרינדעט און געפעלשט. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, אַז פון 1954 ביז איצט האָט דאָס מיליטערישע קאָלעגיום פון העכסטן געריכט ריינגעוואַשן די נעמען פון 7 טויזנט 679 פּערזאָן, און די מערסטע פון זיי זיינען ריינגעוואַשן געוואָרן נאָכן טויט. די מאַסן־אַרעסטן פון טוער פון דער פּאַרטיי, פון דער רעגירונג, פון די עקאָנאָ־

מישע און מיליטערישע קערפּערשאַפטן האָבן געבראַכט אומגעהויערן שאָדן אונזער לאַנד און דער אידעע פון סאָציאַליסטישן פּאָרשריט.

די מאַסן־אונטערדריקונגען האָבן געהאַט אַ זייער שלעכטע ווירקונג אויף דעם מאָראַליש־פּאָליטישן צושטאַנד פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן געשאַפן אַ לאַגע פון אומזיכערקייט, האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן קרענקלעכן פּאַרדאַכט און האָבן איינגעפלאַנצט אומצוטרוי צווישן קאָמוניסטן. אַלערליי בלבול־מאַכער און קאַריעריסטן האָבן געקערט וועלטן.

רעזאָלוציעס פון דער אַלגעמיינער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין יאַנואַר, 1938, האָבן געבראַכט אַ ביסל פּאַרלייכטערונג פאַר די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען פונדעסטוועגן פאָרגעקומען אַ סך אונטערדריקונגען אויך אין 1938.

מיר באַשולדיקן מיט רעכט יעזשאָוו'ן פאַר די קרענקלעך־פּאַרברעכערישע מעטאָדן, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן אין 1937. עס שטייען אָבער דערביי פאַר אייך די פאָלגנדיקע פראַגן: וואָלט דען יעזשאָוו געווען אימשטאַנד צו אַרעסטירן קאָסיאָר'ן, צום ביישפּיל, אָן סטאַלינ'ס וויסן? איז דען געווען אַ באַראַטונג אָדער אַ באַשלוס פון דער פּאָליטישער ביוראָ וועגן דעם? ניין, ס'איז נישט געווען קיין באַראַטונג און קיין באַשלוס נישט אין די דאָזיקע פאַלן און נישט אין אַנדערע פאַלן פון דעם סאָרט. האָט דען יעזשאָוו אַליין געקענט פאַסן באַשלוסן וועגן אַזוינע וויכטיקע פראַגן, ווי דער שיקזאַל פון אַזעלכע באַרימטע מענטשן פון דער פּאַרטיי?

ניין, עס וואָלט געווען נאַאיוו צו דענקען, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון יעזשאָוו'ן אַליין. ס'איז קלאָר, אַז די באַשלוסן האָט געמאַכט סטאַלין און אַז אָן זיינע באַפעלן און אָן זיין גוטהייסונג וואָלט יעזשאָוו נישט געקענט טאָן די אַלע זאַכן.

מיר האָבן אויסגעפּאָרשט די פּראָצעסן און מיר האָבן ריינגעוואַשן די נעמען פון קאָסיאָר, רודזוטאַק, פּאָסטישעוו, קאָסאַריאָוו און אַנדערע. פאַרוואָס האָט מען זיי אַרעסטירט און פאַר'משפּט? די אויספאָרשונג באַווייזט, אַז די קלאַגן קעגן זיי זיינען געווען אומבאַגרינדעט. זיי, ווי אַ סך אַנדערע, זיינען אַרעסטירט געוואָרן אָן דעם פּראָקוראָר'ס וויסן.

אונטער יענע אומשטענדן איז די גוטהייסונג פון פּראָקוראָר טאַקע געווען איבעריק, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען אַזאַ גוטהייסונג געקענט האָבן, אַז סטאַלין האָט אַליין אַלצדינג באַשלאָסן. ער איז דאָך געווען דער הויפּט־פּראָקוראָר אין אַזעלכע פאַלן. סטאַלין האָט נישט

נאָר געגעבן זיין צושטימונג, נאָר ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן באַפעלן צו מאַכן די אַרעסטן. מיר מוזן דאָס אַלץ דערציילן כדי די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר זאָלן דאָס קענען קלאָר באַטראַכטן און אָפּשאַצן, און אַליין קומען צו די געהעריקע שלוסן.

די פאַקטן באַווייזן, אַז אַ סך געמיינהייטן זיינען באַגאַנגען געוואָרן דורך באַפעלן וואָס סטאַלין האָט אַרויסגעגעבן נישט רעכענענדיק זיך מיט קיינע כללים פון דער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער געזעצלעכקייט.

## קאַפּיטל זעקס

# סטאַלין האָט קיינעם ניט געטרויט

סטאַלין האָט קיינעם נישט געטרויט און האָט אַלעמען קרענקלעך פאַרדעכטיקט. דאָס האָבן מיר געוואוסט פון אַרבעטן מיט אים צוזאַמען.

ער האָט געקענט אַ קוק־טאָן אויף אַ מענטשן און אַ זאָג־טאָן: „פאַרוואָס האָט איר היינט אַזאַ פאַרדעכטיקן בליק?" אָדער „פאַרוואָס דרייט איר זיך היינט אַזוי פיל און איר מיידט־אויס צו קוקן מיר גלייך אין די אויגן אַריין?"

דאָס דאָזיקע קרענקלעכע פאַרדעכטיקן האָט געשאַפן אין אים אַ געפיל פון אַלגעמיינעם אומצוטרוי אַפילו צו די באַרימטסטע פּאַרטיי־טוער, וועלכע ער האָט געקענט זינט יאָרן. אומעטום און אין אַלצדינג האָט ער געזען „שונאים", „צוויי־פּנים'דיקע" און „שפּיאָנען".

אַזוי ווי סטאַלין האָט געהאַט אומבאַגרענצטע מאַכט, האָט ער זיך אויפגעפירט הפקר'דיק און האָט דערשטיקט מענטשן מאָראַליש און פיזיש. ס'האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אויסצודריקן אַ מיינונג.

אַז סטאַלין האָט געהייסן דעם אָדער יענעם אַרעסטירן, האָט מען געמוזט בלינד גלויבן, אַז יענער איז „אַ שונא פון פאָלק". אין דער זעלבער צייט האָבן בעריאַ'ס באַנדעס, וואָס האָבן געהאַט אין זייערע הענט די שוק־אַמטן פון דער רעגירונג, שוין געטאָן אַלץ אין דער וועלט צו באַווייזן, אַז די אַרעסטירטע זיינען שולדיק און אַז די מאַטעריאַלן וואָס זיי האָבן געפעלשט זיינען אמת'דיק.

און וואָס פאַר אַ באַווייזן האָבן זיי געבראַכט? די „ווידוי'ס" פון

די אַרעסטירטע, און די אויספאָרשונגס־ריכטער האָבן אָנגענומען די דאָזיקע „ווידוי׳ס״.

און ווי אַזוי איז עס מעגלעך צו ווירקן, אַז אַ מענטש זאָל זיך מודה־זיין אין פאַרברעכנס, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען? בלויז אויף איין אופן — דורך אָנווענדן מעטאָדן פון קערפּערלעכן דרוק, דורך פּייניקן דעם מענטש, דורך ברענגען אים אין אַ צושטאַנד פון באַ־וואוסטלאָזיקייט, דורך אָוועקרויבן ביי אים די קראַפט צו דענקען, דורך אָוועקנעמען זיין מענטשלעכע ווירדע. אויף אַזאַ שטייגער האָט מען די „ווידוי׳ס״ אַרויסבאַקומען.

ווען די כוואַליע פון די מאַסן־אַרעסטן האָט אָנגעהויבן קלענער ווערן, אין 1939, און די פירער פון די ראַיאָנישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַ־ציעס האָבן אָנגעהויבן באַשולדיקן די באַאַמטע פון דער ען. קאַ. ווע. דע. אין באַנוצן מעטאָדן פון פיזישן דרוק אויף אַרעסטירטע, האָט סטאַלין — דעם 20סטן יאַנואַר, 1939 — אַרויסגעשיקט אַ שיפרירטע טעלעגראַמע צו די סעקרעטאַרן פון קאָמיטעטן אין די פאַרשיידענע געגענטן און ראַיאָנען, צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פּאַרטייען און פון די רעפּובליקן, צו די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון אינערן, און צו די הויפּט־אָנפירער פון דער ען. קאַ. ווע. דע. (פון דער געהיים־פּאָליציי).

און אָט וואָס אין דער טעלעגראַמע איז געשטאַנען:

„דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמו־ניסטישען פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) דערקלערט, אַז דאָס אָנ־ווענדן מעטאָדן פון פיזישן דרוק אין דער טאָג־טעגלעכער טע־טיקייט פון דער ען. קאַ. ווע. דע. איז דערלויבט זינט 1937, אין איינקלאַנג מיט דער דערלויבעניש פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס). עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז אַלע בורזשואַזע שפּיאָנעריי־אַמטן ווענדן־אָן מעטאָדן פון פיזישן דרוק קעגן די פאַרטרעטער פון סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, און אַז זיי געברויכן זיי אויף דעם סקאַנדאַליעזסטן שטייגער.

עס שטעלט זיך דעריבער די פראַגע, פאַרוואָס דער סאָציאַ־ליסטישער שפּיאָנעריי־אַמט זאָל זיין ווייכהאַרציקער צו די פאַר־ברעכעריש־וואָנזיניקע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע, צו די מער־דערלעכע שונאים פון אַרבעטער קלאַס און פון די אַרבעטער פון די קאָלעקטיווע פאַרמס?

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פּאַרבאַנדישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) דענקט, אַז פיזישער דרוק איז אַ מוז, און מוז נאָך אַלץ אָנגעווענדעט ווערן, ווי אַן אויסנאַם, אין פאַלן פון באַוואוסטע און איינגע׳עקשנ׳טע שונאים פון פאָלק, אַלס אַ מעטאָד וואָס איז אי באַרעכטיקט, אי פּאַסיק״.

אויף אַזאַ שטייגער האָט סטאַלין, אין נאָמען פון צענטראַל קאָמי־טעט פון דער אַל־פּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשע־וויקעס), גוטגעהייסן די ברוטאַלסטע פאַרגוואַלטיקונג פון דער סאָציאַ־ליסטישער געזעצלעכקייט. ער האָט גוטגעהייסן פּייניקונג און אונטער־דריקונג, וואָס האָט דערפירט, ווי מיר האָבן שוין געזען, אַז אומשול־דיקע מענטשן זאָלן באַשולדיקן זיך אַליין און מאַכן אויף זיך אַליין בלבולים.

נישט לאַנג צוריק, בלויז עטלעכע טעג פאַר דעם איצטיקן צוזאַ־מענפאָר, האָבן מיר אַרויסגערופן צו דער זיצונג פון דעם פּרעזידיום פון צענטראַל קאָמיטעט דעם אויספאָרשונגס־ריכטער ראָדאָס, און מיר האָבן אים געגומען אויף אַ פאַרהער. ער האָט עס, אין זיין צייט, אונ־טערזוכט און גענומען אויף אַ פאַרהער די חברים קאָסיאָר, טשובאַר און קאָסאַריאָוו. ער איז אַ נידערטרעכטיקער פאַרשוין מיט אַ מוח פון אַ פליגעלע און מאָראַליש דורך און דורך צעפוילט. און אָט דער דאָזי־קער פאַרשוין האָט באַשטימט דעם שיקזאַל פון פּראָמינענטע פּאַרטיי־טוער. ער האָט דערביי אויך אַרויסגעגעבן אורטיילן איבער פּאָליטישע פראַגן, ווייל אַז ער האָט פעסטגעשטעלט זייער „פאַרברעכן״, האָט ער דערצו צוגעגעבן מאַטעריאַלן פון וועלכע מ׳האָט געדאַרפט ציען וויכ־טיקע פּאָליטישע שלוסן.

עס שטעלט זיך די פראַגע צי אַ מענטש מיט אַזאַ קליינעם פאַר־שטאַנד איז געווען אימשטאַנד איינער אַליין צו מאַכן אַן אונטערזו־כונג אין אַ פאַל ווען עס האַנדלט זיך אין באַווייזן די שולד פון אַזעלכע מענטשן ווי קאָסיאָר און אַנדערע. ניין, ער האָט דאָס אַליין נישט געקענט טאָן אָן די געהעריקע באַפעלן.

אויף דער זיצונג פון פּרעזידיום פון צענטראַל קאָמיטעט האָט ער אונז געזאָגט:

„מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז קאָסיאָר און טשובאַר זיינען שונאים פון פאָלק און דעריבער האָב איך, אַלס דער אויספאָרשונגס־ריכטער, גע־

דאַרפֿט זיי צווינגען זיך מודה צו זיין, אַז זיי זיינען טאַקע שונאים פון פאָלק". (פאַרביטערטע אויפרעגונג אין זאַל).

ער האָט דאָס געקאָנט דערגרייכן נאָר דורך לאַנגע פיינונגען, און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן אויף געגויע אינסטרוקציעס פון בעריאַ'ן. מיר מוזן דאָ דערציילן, אַז פאַרן פרעזידיום פון צענטראַל קאָמיטעט האָט ער ציניש דערקלערט: „איך האָב געדענקט, אַז איך פיר־דורך די באַפעלן פון דער פאַרטיי".

אויף אַזאַ שטייגער זיינען עס אין דער ווירקלעכקייט דורכגעפירט געוואָרן סטאַלינ'ס באַפעלן צו באַנוצן מעטאָדן פון פיזישן געוואַלד קעגן אַרעסטירטע.

די דאָזיקע און אַ סך אַנדערע פאַקטן ווייזן, אַז אַלע כללים פון לייזן ריכטיק פאַרטיי־פּראָבלעמען זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן און אַלץ איז געוואָרן אָפּהענגיק פון דעם הפקר'דיקן ווילן פון איין מענטשן.

די מאַכט וואָס איין מענטש, סטאַלין, האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט אַריין, האָט געבראַכט ערנסטע פאָלגן אין דער צייט פון דער גרויסער פאַטריאָטישער מלחמה (אין דעם צווייטן וועלט־קריג).

אַז מיר באַקענען זיך מיט די אַלע ראָמאַנען, פילם־בילדער און די „וויסנשאַפטלעכע" היסטאָרישע פאַרשונגען ביי אונז, באַקומען מיר אַ דורכאויס אומגלויבלעך בילד פון סטאַלינ'ס ראָלע אין דער פאַטריאָטישער מלחמה. עס הייסט, אַז סטאַלין האָט אַלצדינג פאַראויסגעזען. עס קומט אויס, אַז אויפן גרונט פון אַ סטראַטעגישן פּלאַן, וועלכן סטאַלין האָט שוין לאַנג געהאַט צוגעגרייט אין פאַראויס, האָט די סאָוועטישע אַרמיי אָנגעווענדעט די טאַקטיק פון דער אַזוי־גערופענער „אַקטיווער פאַרטיידיקונג", דאָס הייסט — די טאַקטיק, וועלכע האָט, ווי מיר ווייסן, דערלאָזט, אַז די דייטשן זאָלן צוקומען ביז מאָסקווע און סטאַלינגראַד.

עס קומט אויס, אַז דורך באַנוצן די דאָזיקע טאַקטיק, האָט די סאָוועטישע אַרמיי, בלויז אַ דאַנק סטאַלינ'ס געניאַליטעט, אָנגעהויבן אַטאַקירן און האָט באַזיגט דעם שונא. דער אומגעהייערער זיג, וואָס עס האָט דערגרייכט די באַוואָפנטע מאַכט פון דעם סאָוועטישן לאַנד, דורך דער העלדישקייט פון אונזער פאָלק, ווערט אין דעם סאָרט ראָמאַנען, פילם־בילדער און „וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען" צוגעשריבן אויסשליסלעך אויפן חשבון פון סטאַלינ'ס געניאַליטעט אַלס סטראַטעגיקער.

מיר מוזן גענוי אַנאַליזירן דעם דאָזיקן ענין, ווייל דאָס איז פון

ריזיקער באַדייטונג נישט נאָר פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, נאָר פון אַ פּאָליטישן, דערציִערישן און פּראַקטישן שטאַנדפּונקט.

וואָס זיינען די פאַקטן?

איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט זיך אונזער פּרעסע און אונזער פּאָליטיש־דערציִערישע אַרבעט אויסגעצייכנט מיט באַרי־מערײ: אַז דער שונא וועט אַטאַקירן די הייליקע סאָוועטישע ערד, וועלן מיר ענטפערן דעם שונא מיט דריי קלעפּ פאַר איינעם, מיר וועלן דאַן שלאָגן דעם שונא אויף זיין אייגענער ערד און מיר וועלן געווינען די מלחמה מיט ווייניק שאָדן פאַר אונז. אָבער די אַלע שטאַרקע דער־קלערונגען זיינען נישט אויף אַלע געביטן געווען באַגרינדעט אויף ממשות׳דיקע פאַקטן וועגן דער באַשיצטקייט פון אונזערע גרענעצן.

אין דער צייט פון דער מלחמה און אויך נאָך דער מלחמה, האָט סטאַלין געזאָגט, אַז די טראַגעדיע וואָס אונזער פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין אין דעם ערשטן טייל פון קריג, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּלוצימדיקער אַטאַקע וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער, חברים, דאָס איז דאָך אינגאַנצן פאַלש.

אַזוי שנעל ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטש־לאַנד האָט ער זיך געשטעלט פאַר זיין ערשטער אויפגאַבע צו פאַר־ניכטן דעם קאָמוניזם. די פאַשיסטן האָבן דאָס געזאָגט אָפן. זיי האָבן נישט פאַרבאָרגן זייערע פּלענער. צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל זיינען געשאַפן געוואָרן אַלערליי אָפּמאַכן און אַלערליי בלאָקס, ווי דער באַ־רימטער בערלין־רוים־טאָקיאָ בונד. אַ סך פאַקטן פון דער פאַר־מלחמה פעריאָדע ציינן קלאָר, אַז היטלער האָט געטאָן אַלץ אין־דער־וועלט אָנצוהויבן אַ מלחמה קעגן דער סאָוועטישער מלוכה און אַז ער האָט אָנגעזאַמלט ביי דער סאָוועטישער גרענעץ גרויסע אָפּטיילונגען מילי־טער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען געפּאַנצערטע אָפּטיילונגען.

דאָקומענטן, וועלכע זיינען שוין איצט פאַרעפנטלעכט, ציינן, אַז דעם 3טן אַפּריל, 1941, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל, דורך זיין אַמבאַ־סאַדאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, סטעפאָרד קריפּס, פּערזענלעך גע־וואָרנט סטאַלינ׳ען, אַז די דייטשן האָבן אָנגעהויבן איבערטאַשן זייערע באַוואָפנטע קרעפטן מיטן צוועק צו אַטאַקירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז טשוירטשיל האָט דאָס געטאָן נישט ווייל ער האָט געהאַט פריינטלעכע געפילן צו דעם סאָוועטישן פאָלק.

ער האָט דערביי געהאַט זיינע אייגענע אימפּעריאַליסטישע צוועקן — אַריינצוציען דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ בלוטי־

קער מלחמה און אַזוי־אַרום צו פאַרשטאַרקן ענגלאַנד׳ס פּאָזיציע. טשוירטשיל האָט דאָך פּאָרט שריפטלעך פאַרזיכערט, אַז זיין צוועק איז געווען „צו וואָרענען סטאַלינ׳ען און ציען זיין אויפמערקזאַמקייט צו דער געפאַר וואָס האָט אים געדראָט״.

טשוירטשיל האָט דאָס געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן אין זיינע דעפּעשן פון 18טן אַפּריל און פון די נעקסטע טעג.

סטאַלין האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט די דאָזיקע וואָרענונגען. נאָכמער: סטאַלין האָט באַפוילן נישט צו נעמען ערנסט קיין אינפאָרמאַציע פון דעם סאָרט אום נישט צו פּראָוואָצירן אַ מיליטערישע אַטאַקע פון די דייטשן.

מיר מוזן דערביי דערציילן, אַז אַזאַ סאָרט אינפאָרמאַציע, וועגן דער געפאַר פון אַ באַוואָפנטער דייטשער אַריינדרינגונג אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע, איז געקומען אויך פון אונזערע אייגענע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע קוועלן. אָבער אַזוי ווי די פירערשאַפט איז געווען קעגן אַזאַ אינפאָרמאַציע, איז די אינפאָרמאַציע אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט מורא און איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אָן דעם נויטיקן ערנסט.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער סאָוועטישער מיליטערישער אַטאַשע, קאַפּיטאַן וואָראָנצאָוו, דעם 6טן מאַי, 1941, אַרויסגעשיקט פון בערלין אינפאָרמאַציע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט:

„דער סאָוועטישער בירגער, באָזער, האָט געלאָזט וויסן דעם געהילף פון דעם פלאָטע־אַטאַשע, אַז לויט אַ דערקלערונג פון אַ געוויסן דייטשן אָפיציר פון היטלער׳ס הויפּט־קוואַרטיר, גרייט זיך דייטשלאַנד צו אַטאַקירן דעם סאָוועטישן פאַרבאַנד דעם 14טן מאַי דורך פינלאַנד, די באַלטישע לענדער און לאַטוויע. אין דערזעלבער צייט וועלן געמאַכט ווערן לופט־אַטאַקעס אויף לענינגראַד און מאָסקווע און פאַראַשוטיסטן וועלן געלאַנדעט ווערן אין שטעט ביי דער גרענעץ״.

אַ קעיבל־דעפּעשע פון אונזער לאָנדאָנער אַמבאַסאַדע האָט געמאָלדן:

„אין דעם איצטיקן מאָמענט איז קריפּס טיף איבערצייגט, אַז אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אומפאַרמיידלעך און וועט זיך אָנהויבן נישט שפּעטער ווי אין מיטן יוני. לויט ווי קריפּס דערקלערט, האָבן די דייטשן איצט

קאָנצענטרירט ביי דער סאָוועטישער גרענעץ 147 דיוויזיעס איינשליסנדיק די לופט־קרעפטן און באַדינונגס־אָפּטיילונגען״.

טראָץ די אַלע ספּעציעל־ערנסטע וואָרנונגען זיינען נישט גענומען געוואָרן די נויטיקע שריט ריכטיק צוצוגרייטן די פּאַרטיידיקונג פון לאַנד, אַז אַן אַטאַקע זאָל אונז נישט טרעפן אָן דער געהעריקער שוץ.

האָבן מיר געהאַט די צייט און די קרעפטן צו מאַכן אַזעלכע צוגרייטונגען? יאָ, מיר האָבן געהאַט אי די צייט, אי די קרעפטן. אונזערע אינדוסטריעס זיינען שוין געווען אויף אַזוי פיל אַנטוויקלט, אַז זיי זיינען געווען אימשטאַנד צו באַזאָרגן די סאָוועטישע אַרמיי מיט אַלעם נויטיקן. דאָס איז באַוויזן געוואָרן דורך דעם, וואָס כאָטש מיר האָבן אין פאַרלויף פון דער מלחמה פאַרלוירן אַ העלפט פון אונזערע אינדוסטריען און וויכטיקע אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע געגנטן, דורך דעם וואָס דער שונא האָט פאַרנומען אוקראַאינע, צפון־קאַווקאַז און אַנדערע מערב׳דיקע טיילן פון לאַנד, איז דאָס סאָוועטישע פאָלק נאָך אַלץ געווען אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן די וואָפן־פּראָדוקציע אין דעם מזרח׳דיקן טייל פון לאַנד, איינאָרדענען דאָרטן די מאַשינעריע וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון די מערב׳דיקע אינדוסטריעלע געגנטן און באַזאָרגן אונזערע באַוואָפנטע קרעפטן מיט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געמוזט האָבן צו פאַרניכטן דעם שונא.

## קאַפּיטל זיבן

# סטאַלין שולדיק אין מלחמה־מפּלות

וואָלט אונזער אינדוסטריע געווען מאָביליזירט אויף אַ לייטישן אופן און אין צייט צו קענען באַזאָרגן די אַרמיי מיט די נויטיקע מאַטעריאַלן, וואָלטן אונזערע מלחמה־פאַרלוסטן געווען אַ סך קלענער. אַזאַ מאָביליזאַציע איז אָבער נישט אָנגעהויבן געוואָרן אין צייט. און שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז קלאָר געוואָרן, אַז אונזער אַרמיי איז געווען שלעכט באַוואָפנט, אַז מיר האָבן נישט געהאַט גענוג אַרטילעריע, טאַנקען און עראָפּלאַנען צוריקצוטרייבן דעם שונא.

די סאָוועטישע וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע האָבן פאַר דער מלחמה געשאַפן גלענצענדע מוסטערן פון טאַנקען און קאַנאָנען. אָבער די מאַסן־פּראָדוקציע פון דעם אַלעמען איז נישט אָרגאַניזירט געוואָרן

און מיר האָבן פּאַקטיש נישט אָנגעהויבן מאָדערניזירן אונזער מיליטערישע אויסשטאַטונג ביז ערב דער מלחמה. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווען דער שונא האָט אַריינגעדרונגען אין דעם סאָוועטישן לאַנד האָבן מיר נישט געהאַט גענוג אַלטע מאַשינעריע, וואָס איז שוין נישט באַנוצט געוואָרן ביי מאַכן וואָפן, און אויך נישט גענוג נייע מאַשינעריע, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן געברויכן פאַר אונזער וואָפן־פּראָדוקציע.

אונזער לאַגע אין באַצוג צו די אַנטי־עראָפּלאַן קאַנאָנען איז געווען גאָר אַ צרה׳דיקע. מיר האָבן נישט געהאַט אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע פון אַנטי־עראָפּלאַן־וואָפן. וועגן אַ סך באַפעסטיקטע ראַיאָנען האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אַטאַקירט געוואָרן, אַז עס וועט גאָרנישט מעגלעך זיין זיי צו פאַרטיידיקן, דערפאַר וואָס די אַלטע וואָפן האָט מען שוין געהאַט אַוועקגענומען און קיין נייע וואָפן זיינען נאָך דאָרט נישט געווען.

דאָס איז, ליידער, געווען דער פאַל נישט נאָר מיט טאַנקען, קאַנאָנען און עראָפּלאַנען; ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָבן מיר אפילו נישט געהאַט גענוג ביקסן פאַר אונזערע מאָביליזירטע סאָלדאַטן. איך געדענק, אַז איך האָב אין יענע יוני־טעג טעלעפאָנירט פון קיעוו צום חבר מאַלענקאָוו און איך האָב אים געזאָגט: „מענטשן פון פאָלק האָבן זיך פריוויליק אָנגעשלאָסן אין דער נייער אַרמיי, און זיי פאָדערן וואָפן. איר מוזט אונז שיקן וואָפן״.

מאַלענקאָוו האָט געענטפערט:

„מיר קענען אייך נישט שיקן קיין וואָפן; וויפל ביקסן מיר האָבן, שיקן מיר זיי אַלע קיין לענינגראַד און איר מוזט זיך אַליין באַוואָפענען״ (באַוועגונג אין זאַל).

אָט אַזוי האָט עס געהאַלטן מיט וואָפן. אין פאַרבינדונג דערמיט קאָנען מיר, צום ביישפּיל, נישט פאַרגעסן דעם פאָלגנדיקן פאַקט: אַ קורצע צייט איידער די היטלעריסטישע אַרמיי האָט אַטאַקירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט קירפּאָנאָס, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דעם קיעווער ספּעציעלן מיליטערישן ראַיאָן, געשריבן צו סטאַלינ׳ען, אַז די דייטשע אַרמייען שטייען שוין ביים טייך בוג און גרייטן זיך צו אַן אַטאַקע און וועלן וואַרשיינלעך אָנהויבן אַן אָפענסיווע. קירפּאָנאָס (וועלכער איז שפּעטער דער׳הרג׳ט געוואָרן אויפן פראָנט) האָט דעמאָלט פאָרגעשלאָגן, אַז עס זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ שטאַרקע פאַרטיידיקונג, אַז דריי הונדערט טויזנט מענטשן זאָלן עוואַקואירט

ווערן פון די גרענעץ־געגנטן און אַז עס זאָלן דאָרט געשאַפן ווערן עט־לעכע באַפעסטיקטע פונקטן: אַנטי־טאַנקען גריבער, טרענטשעס פאַר סאָלדאַטן און אַזוי ווייטער.

מאָסקווע האָט אויף דעם דאָזיקן פאָרשלאַג געענטפערט מיט דער באַהויפּטונג, אַז דאָס וואָלט געווען אַ פּראָוואָקאַציע (עס וואָלט אויפ־גערייצט די דייטשן) און אַז מען זאָל נישט אָנהויבן קיין פאָרטיידי־קונגס־אַרבעט ביי דער גרענעץ, אַז מיר זאָלן נישט געבן די דייטשן קיין אויסרייד. אָנצוהויבן אַ מלחמה־אַטאַקע קעגן אונז. אַזוי־אַרום זיינען אונזערע גרענעצן געבליבן נישט גענוג צוגעגרייט צוריקצו־טרייבן דעם שונא.

אַז די פאַשיסטישע אַרמייען האָבן זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע און אָנגעפאַנגען זייערע אַטאַקעס, האָט מאָסקווע אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז סטאַלין — טראָץ אַלע קלאָרע פאַקטן — דענקט נישט, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, אַז די אַטאַקעס זיינען נישט מער ווי פּראָוואָקאַציעס פון עטלעכע אומ־דיסציפּלינירטע טיילן פון דער דייטשער אַרמיי און אַז אונזער ענט־פער קען אויסגענוצט ווערן פון די דייטשן אַלס אַן אורזאַך אָנצוהויבן אַ מלחמה.

עס איז אויך באַקאַנט דער פאָלגנדער פאַקט:

ערב דער אַריינדרינגונג פון דער היטלעריסטישער אַרמיי אין דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אַ געוויסער דייטשער בירגער אַריבער די גרענעץ צו אונז און האָט דערציילט, אַז די דייטשע אַר־מייען האָבן באַקומען אַ באַפעל אָנצוהויבן אַן אַטאַקע קעגן דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד אין דער נאַכט פון 22סטן יוני, דריי אַזייגער. מען האָט דאָס באַלד געלאָזט וויסן סטאַלינ׳ען, אָבער אַפילו די דאָזיקע וואָרנונג האָט ער איגנאָרירט.

און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער זאָרגלאָזער באַציאונג, פון נישט רעכענען זיך מיט די קלאָרע פאַקטן? דער רע־זולטאַט איז געווען, אַז שוין אין די ערשטע שטונדן און טעג האָט דער שונא פאַרניכטעט אין אונזערע גרענעץ־ראַיאָנען אַ גרויסן טייל פון אונזער לופט־פלאָטע, אַרטילעריע און אַנדערע וואָפן. דער שונא האָט אויך באַלד פאַרניכטעט אַ גרויסע צאָל פון אונזערע בעסטע מיליטע־רישע גרופּעס און האָט צעשטערט אונזער מיליטערישע פירערשאַפט. דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס מיר זיינען נישט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם שונא׳ס אַריינמאַרש טיף צו אונז אין לאַנד אַריין.

דאָס וואָס סטאַלין האָט פון 1937 ביז 1941, איבער זיין פאַרדעכ־טיקייט און איבער פאַרלוי־מדעריש באַשולדיקונגען, אומגעבראַכט אַ סך מיליטערישע קאָמאַנדירן און פּאָליטישע טוער, האָט געבראַכט מורא׳דיק־שלעכטע רעזולטאַטן, באַזונדערס אין אָנהויב פון דער מלחמה. אין פאַרלויף פון די דאָזיקע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען קעגן געוויסע טיילן פון די מיליטערישע קאַדרעס, פון באַטאַליאָן־קאָ־מאַנדירן ביז אָפיצירן פון די גאָר־הויכע ראַנגען.

אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט זיינען אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן די קאַדרעס אַרמיי־פירער, וועלכע האָבן באַקומען מיליטערישע דערפאַרונג אין שפּאַניע און אין וויטן מזרח.

די גרויסע פאַרפאָלגונגען קעגן די פירנדיקע מיליטערישע קאַ־דרעס, האָבן אויך אונטערגעגראָבן די מיליטערישע דיסציפּלין, ווייל עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען געלערנט אָפיצירן פון אַלע ראַנגען און אַפילו סאָלדאַטן, אין דער אַרמיי און אין די קאָמסאָמאָל־צעלן, „אַראָפּצורייסן די מאַסקעס” פון די העכערע אָפיצירן אַלס באַהאַלטענע שונאים (באַוועגונג אין זאַל). דאָס האָט נאַטירלעכוויז געהאַט אַ זייער שלעכטע ווירקונג אויף דעם צושטאַנד פון דער מיליטערישער דיס־ציפּלין אין דער ערשטער פעריאָדע פון דער מלחמה.

ווי איר ווייסט, האָבן מיר פאַר דער מלחמה געהאַט גלענצנדע מיליטערישע פירער־גרופּעס, וועלכע זיינען געווען אַבסאָלוט לאָיאַל צו דער פּאַרטיי און צום פאָטערלאַנד. דאָ וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז די יעניקע פון זיי, וועלכע זיינען אַרויס לעבעדיקע טראָץ די שרעק־לעכע פּייניקונגען וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אין די טורמעס, האָבן פון די ערשטע מלחמה־טעג אָן אַרויסגעוויזן זיך פאַר אמת׳ע פּאַטריי־אָטן און האָבן העלדיש געקעמפט פאַר דער גלאָריע פון פאָטערלאַנד.

איך האָב דערמיט אין זינען אַזעלכע חברים, ווי (גענעראַל) ראָקאָ־סאָווסקי (וועלכער איז, ווי איר ווייסט, געזעסן אין טורמע), גאָרבאַטאָוו, מערעצקאָוו (וועלכער איז אַ דעלעגאַט אויפן איצטיקן צוזאַמענפאָר), פּאָדלאַס (אַן אויסגעצייכנטער קאָמאַנדיר, וועלכער איז אומגעקומען אויפן פראָנט) און אַ סך אַנדערע. אָבער אַ סך אַזעלכע קאָמאַנדירן זיי־נען אומגעקומען אין לאַגערן און אין טורמעס און די אַרמיי האָט זיי מער נישט געזען.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן די לאַגע, וועלכע האָט עקזיסטירט אין אָנהויב פון דער מלחמה און וועלכע איז געווען אַזאַ גרויסע געפאַר פאַר אונזער פאָטערלאַנד.

עס וואָלט געווען אַ פעלער צו פאַרגעסן, אַז נאָך דער ערשטער גרויסער קאַטאַסטראָפע און די נידערלאַגעס אויפן פראָנט, האָט סטאַלין געדענקט, אַז אַלצדינג איז געענדיקט. אין איינער פון זיינע רעדעס אין יענע טעג, האָט ער געזאָגט: „אַלצדינג, וואָס לענין האָט געשאַפן, האָבן מיר פאַרלוירן אויף אייביק״.

נאָך דעם האָט סטאַלין אַ לאַנגע צייט נישט אָנגעפירט די מיליטערישע קאָמאַנדע און ער האָט איבערהויפּט קיין זאַך נישט געטאָן. ער האָט זיך צוריקגעקערט צו אַקטיווער פירערשאַפט ערשט נאָכדעם ווי אייניקע מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ האָבן אים באַזוכט און האָבן אים געזאָגט, אַז ער מוז באַלד נעמען געוויסע שריט צו פאַרבעסערן די לאַגע אויפן פראָנט.

די דראָענדיקע געפאַר, וואָס איז געהאַנגען איבער אונזער פאָטערלאַנד אין דער ערשטער פּעריאָדע פון דער מלחמה, איז דעריבער, צום גרויסן טייל, געווען אַ רעזולטאַט פון די נישט־ריכטיקע מעטאָדן וואָס סטאַלין אַליין האָט אָנגעווענדעט אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און פון דעם לאַנד.

עס רעדט זיך אָבער נישט נאָר וועגן דעם מאָמענט ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און וועלכער האָט געפירט צו אַן ערנסטער דעזאָרגאַניזאַציע פון אונזער אַרמיי און אונז געבראַכט זייער גרויסע פאַרלוסטן. אַפילו נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, האָט סטאַלינ׳ס נערוועזיטעט און היסטערישקייט געשטערט דער ווירקלעכער אָנפירונג פון קריג און האָט געבראַכט ערנסטן שאָדן דער אַרמיי.

סטאַלין איז געווען זייער ווייט פון פאַרשטיין די ווירקלעכע לאַגע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויפן פראָנט. דאָס איז געווען נאַטירלעך, ווייל אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָט ער קיין מאָל נישט באַזוכט קיין איין טייל פון פראָנט, אָדער אַ וועלכע־עס־איז באַפרייטע שטאָט, מיט דער אויסנאַם פון איין קורצער רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דעם מאָזשאַיסקער שאָסיי, ווען די לאַגע אויף די פראָנטן איז געוואָרן פעסטער און בעסער.

וועגן דעם דאָזיקן פאַל זיינען געשאַפן געוואָרן אַ סך ליטעראַרישע ווערק, וואָס זיינען פול מיט אַלערליי פאַנטאַזיעס, און אַן אַ שיעור מאַלערייען. אין דער זעלבער צייט האָט סטאַלין, דורך זיין אַריינמישונג, געשטערט דער אָנפירונג פון דער מלחמה. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויסגעבן באַפעלן, וואָס האָבן נישט גענומען אין אָנבאַטראַכט די ווירקלעכע לאַגע אין דעם אָדער יענעם טייל פון פראָנט, און

האָבן געמוזט פירן דערצו, אַז מיר זאָלן האָבן ריזיקע פאַרלוסטן אין מענטשן.

איך וועל מיר דערלויבן, אין פאַרבינדונג מיט דעם, אַרויסצוברענגען איין כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וואָס צייגט ווי אַזוי סטאַלין האָט באַפוילן אָנצופירן די מלחמה אויף די פראָנטן.

דאָ, אויף דעם צוזאַמענפאָר, איז פאַראַן מאַרשאַל באַגראַמיאַן, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען דער הויפּט פון דער מלחמה־אָנפירונג אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם דרום־מערב׳דיקן פראָנט, און ער איז אימשטאַנד צו באַשטעטיקן דאָס וואָס איך דערצייל אייך.

אַז עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן אומגעוויינלעך ערנסטע לאַגע פאַר אונזער אַרמיי אין יאָר 1942 אין כאַרקאָווער ראַיאָן, האָבן מיר באַשלאָסן אויפצוגעבן אַ פּלאַן אַרומצורינגלען כאַרקאָוו. דאָס איז געווען אַ גוטער באַשלוס, ווייל די ווירקלעכע לאַגע איז דאַמאָלסט געווען אַזאַ, אַז דורך אַ פאַרזוך דורכצופירן דעם פּלאַן וואָלט געשאַפן געוואָרן אַ געפאַר, אַז אונזער גאַנצע אַרמיי זאָל פאַרניכטעט ווערן.

מיר האָבן דאָס געמאָלדן סטאַלינ׳ען און מיר האָבן דערקלערט, אַז די לאַגע פאָדערט אַן ענדערונג אין די פּלענער, כדי דער שונא זאָל נישט קריגן די מעגלעכקייט צו פאַרניכטן אַ גרויסע אָנזאַמלונג פון אונזערע מיליטערישע קרעפטן.

טראָץ דעם, וואָס דאָס האָט זיך געמוזט לייגן יעדן איינעם אויפן שכל, האָט אָבער סטאַלין אונזער פאָרשלאָג צוריקגעוויזן און האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל פאָרצוזעצן די דורכפירונג פון פּלאַן אַרומצורינגלען כאַרקאָוו. ער האָט דעם באַפעל אַרויסגעגעבן טראָץ דעם, וואָס צו יענער צייט זיינען גאָר אַ סך פון די פּונקטן וואו מיר האָבן אָנגעזאַמלט קרעפטן געווען אין געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן און פאַרניכטעט צו ווערן.

איך האָב דעמאָלט טעלעפאָנירט צו גענעראַל וואַסילעווסקי און איך האָב אים געבעטן:

„אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש, נעמט אַ לאַנד־קאַרטע (וואַסילעווסקי געפינט זיך איצט דאָ) און ווייזט סטאַלינ׳ען די לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן״.

עס איז דאָ כדאַי צו צו באַמערקן, אַז סטאַלין האָט אויסגעאַרבעט זיינע מלחמה־פּלענער אויף אַ גלאָבוס (לעבהאַפטיקייט אין זאַל). יאָ, חברים, ער פלעגט נעמען דעם גלאָבוס און אָנצייכענען אויף אים די פראָנט־פּאָזיציעס.

איך האָב געזאָגט צום חבר וואַסילעווסקי:

„ווייזט אים די לאַגע אויף אַ לאַנד־קאַרטע. אין דער איצטיקער לאַגע קענען מיר נישט דורכפירן דעם פּלאַן, וואָס מיר האָבן אויסגע־אַרבעט. דער אַלטער באַשלוס מוז געענדערט ווערן פאַר דער טובה פון דער זאַך".

וואַסילעווסקי האָט דערויף געענטפערט, אַז סטאַלין האָט שוין געשטודירט די דאָזיקע פּראָבלעם און אַז ער, וואַסילעווסקי, וועט נישט גיין זען סטאַלינ'ען, ווייל סטאַלין וויל מער נישט הערן קיינע אַרגו־מענטן וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

נאָך מיין געשפּרעך מיט וואַסילעווסקי'ן, האָב איך באַשלאָסן צו טעלעפאָנירן צו סטאַלינ'ען אין זיין ווילע. אָבער סטאַלין האָט נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן. מאַלענקאָוו האָט געענטפערט. איך האָב געזאָגט דעם חבר מאַלענקאָוו, אַז איך טעלעפאָניר פון פראָנט און אַז איך וויל רעדן מיט סטאַלינ'ען. סטאַלין האָט מיר אָבער געלאָזט וויסן דורך מאַלענקאָוו'ן, אַז איך זאָל רעדן מיט מאַלענקאָוו'ן.

איך האָב דאַן אַ צווייט־מאָל דערקלערט, אַז איך וויל דערציילן סטאַלינ'ען פּערזענלעך וועגן דער לאַגע וואָס ס'האָט זיך אַנטוויקלט פאַר אונז אויפן פראָנט. אָבער סטאַלין האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אויפצוהייבן דעם טעלעפאָן און ער האָט ווידעראַמאָל געזאָגט, אַז איך זאָל רעדן צו מאַלינקאָוו'ן כאָטש ער אַליין האָט זיך געפינען אַ פּאָר שריט פון טעלעפאָן.

נאָכדעם ווי ער האָט אויף אַזאַ שטייגער „אויסגעהערט" אונזער אַפּיל, האָט סטאַלין געזאָגט: „זאָל אַלצדינג פאַרבלייבן ווי עס איז".

און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט דערפון? דאָס ערגסטע, וואָס מיר האָבן געקענט דערוואַרטן. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט די פונקטן, וואו מיר האָבן געהאַט אָנגעזאַמלט מיליטער און אַזוי־אַרום האָבן מיר פאַרלוירן הונדערטער טויזנטער פון אונזערע סאָלדאַטן. אָט דאָס איז געווען סטאַלינ'ס מיליטערישע געניאַליטעט. דאָס איז דער פּרייז וואָס מיר האָבן באַצאָלט דערפאַר (באַוועגונג אין זאַל).

## קאַפּיטל אַכט

## סטאַלין אַלס „מיליטערישער זשעני"

אין איין פאַל נאָך דער מלחמה, ביי אַ זיצונג פון מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ מיט סטאַלינ'ען, האָט אַנאַסטאַס איוואַנאָוויטש מי־

קאַיאָן דערמאָנט, אַז כרושטשעוו האָט געמוזט האָבן רעכט, ווען ער האָט טעלעפאָנירט וועגן דעם מלחמה־פּלאַן פאַר כאַרקאָוו און אַז עס איז אַ גרויסער שאָד וואָס זיין פאָרשלאַג איז נישט אָנגענומען געוואָרן.

איר האָט דאָן געדאַרפט זען סטאַלינ׳ס רציחה! ווי אַזוי איז גאָר מעגלעך פאַרן מויל צו ברענגען, אַז סטאַלין איז נישט געווען גערעכט! נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ „זשעני״ און אַ זשעני מוז דאָך שטענדיק זיין גערעכט! יעדער איינער קען מאַכן פעלערן, אָבער סטאַלין האָט געהאַלטן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פעלער און אַז ער איז שטענדיק געווען גערעכט.

סטאַלין האָט קיין מאָל פאַר קיינעם נישט צוגעגעבן, אַז ער האָט ווען־עס־איז געהאַט אַ טעות, אַ גרויסן אָדער אַ קליינעם, טראָץ דעם וואָס ער האָט מער ווי אַ פּאָר מאָל געהאַט טעות׳ן סיי אויפן געביט פון טעאָריע און סיי אין פּראַקטישער טעטיקייט.

נאָך דעם איצטיקן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועלן מיר וואַרשיינ־לעך דאַרפן איבערשאַצן אַ סך טיילן פון דער מלחמה־פירונג און זיי פאַרשטעלן אין זייער ריכטיקער ליכט.

די טאַקטיק, ביי וועלכער סטאַלין האָט זיך עקשנות׳דיק גע־האַלטן נישט וויסנדיק דעם עיקר פון אָנפירן שלאַכטן, האָט אונז אָפּגע־קאָסט אַ סך בלוט ביז עס איז אונז געלונגען אָפּצושטעלן דעם שונא און אַריבערצוגיין אין דער אָפענסיווע.

די מיליטערישע מענטשן ווייסן, אַז שוין צום סוף פון יאָר 1941, אַנשטאָט די גרויסע מלחמה־מאַנעווערס פון אַרומגיין דעם שונא׳ס אַרמייען און אַטאַקירן פון הינטן, האָט סטאַלין געפאָדערט, אַז עס זאָלן געמאַכט ווערן פראָנט־אַטאַקעס און אַז עס זאָל גענומען ווערן איין דאָרף נאָכן צווייטן. מיר האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט גרויסע פאַר־לוסטן ביז אונזערע גענעראַלן, וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן די גאַנצע לאַסט פון פירן די מלחמה, האָבן באַוויזן צו ענ־דערן די לאַגע און אַריבערצוגיין אויף אַ בויגזאַמער טאַקטיק, וואָס האָט אויפן פראָנט באַלד געבראַכט ערנסטע ענדערונגען, וועלכע זיינען געווען גוט פאַר אונז.

עס איז דעריבער נאָך שענדלעכער דער פאַקט, וואָס נאָך אונזער גרויסן זיג איבערן שונא, וואָס האָט אונז אָפּגעקאָסט אַזוי טייער, האָט סטאַלין אָנגעהויבן דערנידעריקן אַ סך פון די קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אַזוי פיל בייגעטראָגן צום זיג, ווייל סטאַלין האָט נישט דערלאָזט אַז אימיצער, חוץ אים, זאָל קריגן אָנערקענונג פאַר דינען אויפן פראָנט.

סטאַלין איז געווען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער אָפּ־שאַצונג פון חבר זשוקאָוו אַלס מיליטערישן פירער. ער האָט ביי מיר אָפּטמאָל געפרעגט וואָס פאַר אַ מיינונג איך האָב וועגן זשוקאָוו'ן. איך האָב אים דעמאָלט געזאָגט: „איך קען שוין זשוקאָוו'ן אַ לאַנגע צייט. ער איז אַ גוטער גענעראַל און אַ גוטער מיליטערישער פירער".

נאָך דער מלחמה האָט סטאַלין אָנגעהויבן רעדן אַלערליי אומ־זיניקייטן וועגן זשוקאָוו'ן. צווישן אַנדערע זאַכן, האָט ער געזאָגט: „איר האָט געלויבט זשוקאָוו'ן, אָבער ער איז עס נישט ווערט. מען דערציילט, אַז פאַר יעדער שלאַכט האָט זיך זשוקאָוו אויפגעפירט אויפן פראָנט אַזוי: ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין אַ הויפן ערד, האָט אַ שמעק געטאָן און האָט געזאָגט: „מיר קענען שוין אָנהויבן די אַטאַקע", אָדער פאַרקערט: „די געפּלאַנטע אַטאַקע קען נישט דורכ־געפירט ווערן". איך האָב דעמאָלסט געזאָגט: „חבר סטאַלין, איך ווייס נישט ווער עס האָט דאָס אויסגעטראַכט, אָבער עס איז נישט אמת".

עס איז מעגלעך, אַז סטאַלין האָט דאָס אַלץ אַליין אויסגעטראַכט מיטן צוועק צו פאַרמינערן די ראָלע און דעם מיליטערישן טאַלאַנט פון מאַרשאַל זשוקאָוו.

אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט סטאַלין אַריינגעלייגט אַ סך ענער־גיע פּאָפּולער צו מאַכן זיך אַליין אַלס אַ גרויסן פירער. מיט פאַר־שיידענע מיטלען האָט ער זיך באַמיט איינצופלאַנצן ביים עולם דעם גלויבן, אַז אַלע זיגן וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט געהאַט אין פאַרלויף פון דער גרויסער פאַטריאָטישער מלחמה, האָט מען צו פאַר־דאַנקען דעם קוראַזש, דער געוואַגטקייט און דער געניאַליטעט פון סטאַלינ'ען, און נישט פון קיין אַנדערן. פונקט ווי קוזמאַ קריוטשקאָוו (אַ באַרימטער קאָזאַק, וועלכער איז באַגאַנגען העלדישקייטן קעגן די דייטשן, אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה), האָט ער גע־קאָנט אָנטאָן איין קאָפּטאָן אויף זיבן פּערזאָן אין איין און אין דער זעלבער צייט. (לעבהאַפטיקייט אין זאַל).

לאָמיר באַטראַכטן, צום ביישפּיל, אונזער היסטאָרישע און מילי־טערישע פילם־בילדער און אייניקע ליטעראַרישע ווערק. עס שלאָגט צו דער גאַל פון זיי. זייער ווירקלעכער צוועק איז צו פאַרשפּרייטן לויב־געזאַנגען צו סטאַלינ'ען אַלס אַ מיליטערישער זשעני. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל דאָס פילם־בילד „ווי אַזוי בערלין איז געפאַלן". דאָ שפּילט בלויז סטאַלין אַ ראָלע. ער גיט אַרויס די באַפעלן אין אַ זאַל, וואו עס שטייען אַ סך ליידיקע שטולן. אים ברענגט־צו באַריכטן בלויז

איין מענטש — און דאָס איז פּאַגרעביטשעוו, סטאַלינ׳ס געטרייער וואָפּן־טרעגער (געלעכטער אין זאַל).

און וואו זיינען די מיליטערישע קאָמאַנדירן? וואו איז די פּאָליט־ביוראָ? און וואו איז די רעגירונג? וואָס טוען זיי? מיט וואָס באַשעפ־טיקן זיי זיך? וועגן זיי ווערט אין דעם פילם־בילד גאָרנישט דערציילט. סטאַלין טוט שוין פאַר איטלעכן. ער רעכנט זיך נישט מיט קיינעם. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט בעראַטן. אַלצדינק ווערט געוויזן דעם פאָלק אין אַ פאַלשן ליכט. פאַרוואָס? כדי אַרויסצושטעלן סטאַלינ׳ען פאַר אַ גרויסן העלד, כאָטש דאָס שטימט נישט מיט די פאַקטן און עס שטימט נישט מיטן היסטאָרישן אמת.

עס שטעלט זיך די פראַגע: און וואו זיינען די מיליטערישע מענטשן, וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן די גאַנצע לאַסט פון דער מלחמה? זיי ווערן נישט געוויזן אויף דעם פילם־בילד. אַזוי ווי סטאַלין איז דאָרט פאַראַן איז שוין פאַר זיי קיין פּלאַץ נישט געבליבן.

די הויפּט־ראָלע און די גרעסטע אָנערקענונג פאַר דעם זיגרייכן סוף פון דער מלחמה באַלאַנגט צו אונזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו די באַוואָפנטע קרעפטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און צו די צענדליקע מיליאָנען סאָוועטישע בירגער, וואָס די פּאַרטיי האָט דערצויגן (דונער־דיקע, לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

חברים, לאָמיר נעמען נאָך אַנדערע פאַקטן. דער סאָוועטן־פאַר־באַנד ווערט מיט רעכט באַטראַכט פאַר אַ מוסטער פון אַ מלוכה פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן, ווייל מיר האָבן אין דער ווירקלעכקייט גלייכהייט און פריינטשאַפט פאַר אַלע פעלקער וועלכע לעבן אין אונזער גרויסן פאָטערלאַנד.

עס זיינען דעריבער באַזונדערס שרעקלעך די פאַרפאָלגונגען, וועל־כע האָבן זיך אָנגעהויבן אויף סטאַלינ׳ס באַפעל און וועלכע זיינען אַ גראָבע פאַרגוואַלטיקונג פון די לעניניסטישע גרונט־פּרינציפּן פאַר דער שטעלונג פון דער סאָוועטישער מלוכה צו די פאַרשיידענע נאַ־ציאָנאַליטעטן. מיר מיינען דערמיט די מאַסן־אַרויסשיקונג פון גאַנצע פעלקער, צוזאַמען מיט אַלע קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס אָן אויס־נאָם, פון די פּלעצער וואו זיי זיינען געבוירן. די דאָזיקע אַרויסשיקונ־גען זיינען נישט געווען צוליב וועלכע עס איז מיליטערישע צוועקן.

אַזוי־אַרום, צום סוף פון יאָר 1943, ווען עס זיינען אַנטגילטיק דורכגעבראָכן געוואָרן די פראָנטן צום גונסטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אָנגענומען געוואָרן און דורכגעפירט געוואָרן אַ באַשלוס אַרויסצו־

שיקן אַלע קאַראַכאַיען פון דעם לאַנד וואו זיי האָבן געלעבט. אין דער־זעלבער פּעריאָדע, צום סוף דעצעמבער, 1943, איז אַרויסגעשיקט גע־וואָרן די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער קאַלמיקישער אויטאָנאָמער רעפּובליק.

אין מערץ, 1944, זיינען אַלע אינגושן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דעם ראַיאָן וואו די דאָזיקע צוויי פעלקער האָבן געלעבט און די טשעט־טשען־אינגושישע אויטאָנאָמע רעפּובליק איז פאַרניכטעט געוואָרן.

אין אַפּריל, 1944, זיינען אַלע באַלקאַרן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער קאַבאַרדינאָ־באַלקאַרישער אויטאָנאָמער רעפּובליק און פאַר־שיקט געוואָרן אין ווייטע געגנטן. די טעריטאָריע און די קאַבאַרדינאָ־באַלקאַרישע אויטאָנאָמע רעפּובליק אַליין האָט מען אַ נאָמען געגעבן „די קאַבאַרדינישע אויטאָנאָמע רעפּובליק".

די אוקראַאינער האָבן נישט געהאַט דעם זעלביקן שיקזאַל בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען צו־גרויס אין צאָל און ס'איז נישט געווען אַזאַ פּלאַץ וואוהין מ'זאָל אויך זיי קענען פאַרשיקן (געלעכטער און לעבהאַפטיקייט אין זאַל).

נישט נאָר אַ מאַרקסיסט־לעניניסט, נאָר יעדער מענטש מיט פאַר־שטאַנד פאַרשטייט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו מאַכן גאַנצע פעלקער, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, אַלטע לייט, קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שעדלעכער טעטיקייט פון איינצלנע פּערזאָנען און גרופּעס, און באַשטראָפן די גאַנצע פעלקער.

ווען די פּאַטריאָטישע מלחמה איז שוין געווען געענדיקט, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף די וואונדערבאַרע זיגן, וועלכע זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך גרויסע קרבנות און גוואַלדיקער אָנשטרענגונג. דאָס לאַנד האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט אַ פּעריאָדע פון פּאָליטישער באַגייסטערונג. די פּאַרטיי איז פון דער מלחמה אַרויסגעקומען נאָך מער פאַראייניקט. אין דעם פייער פון קריג זיינען די פירנדיקע פּאַרטיי־גרופּעס געוואָרן פאַרשטאַרקט און פאַר־האַרטעוועט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט קיינער אַפילו נישט געקאָנט טראַכטן, אַז ס'איז מעגלעך אַ וועלע־עס־איז פאַרשווערונג אין די רייען פון דער פּאַרטיי.

פּונקט אין יענער צייט איז געבוירן געוואָרן די אַזוי־גערופענע „לענינגראַדער געשיכטע". ווי עס איז שוין איצט באַוויזן, איז יענער פּראָצעס געווען איינגאַנצן אַ געפעלשטער. צווישן די יעניקע, וועלכע

זיינען אומשולדיקערהייט געטויט געוואָרן זיינען געווען די חברים וואָזנעסענסקי, קוזניעצאָוו, ראַדיאָנאָוו, פּאָפּקאָוו און אַנדערע.

ווי באַוואוסט, זיינען וואָזנעסענסקי און קוזניעצאָוו געווען טאַ־לאַנטפולע און באַרימטע פירער. ס׳איז געווען אַ צייט ווען זיי זיינען געווען זייער נאָענט צו סטאַלינ׳ען. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, אַז סטאַלין האָט געמאַכט וואָזנעסענסקי׳ן פאַר דעם פּרעמיער׳ס ערשטן שטעלפאַרטרעטער און אַז קוזניעצאָוו איז דערווייַלט געוואָרן פאַר סע־קרעטאַר פון צענטראַל קאָמיטעט. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס סטאַלין האָט אָנפאַרטרויט קוזניעצאָוו׳ן די אויפזיכט איבער די אַמטן פון שוץ און זיכערקייט, ציַיגט וויפל צוטרוי מען האָט צו אים געהאַט.

ווי אַזוי־זשע איז געקומען דערצו, אַז די דאָזיקע פּערזאָנען זיינען אַלע געשטעמפּלט געוואָרן אַלס שונאים פון פאָלק און זיינען ליקווידירט געוואָרן?

די פאַקטן באַווייזן, אַז אויך די „לענינגראַדער געשיכטע" איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער הפקרות מיט וועלכער סטאַלין האָט גע־האַנדלט קעגן די פירנדיקע פּאַרטיי־גרופּעס.

מיר מוזן דאָ דערקלערן, אַז נאָך דער מלחמה איז די לאַגע גע־וואָרן נאָך מער פאַרפּלאָנטערט. סטאַלין איז געוואָרן נאָך מער קאַפּ־ריזנע, נערוועז און ברוטאַל. באַזונדערס גרויס איז געוואָרן זיין פאַר־דאַכט אויף מענטשן. זיין פאַרפאָלגונגס־מאַניע איז געוואָרן אומגע־הייער גרויס. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט מיט זיינע אייגענע אויגן ווי אַ סך טוער ווערן זיינע שונאים.

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך נאָך מער אָפּגעטיילט פונם קאָלעק־טיוו. אַלצדינק האָט ער באַשלאָסן אַליין און ער האָט זיך מיט קיינעם און מיט קיין זאַך נישט גערעכנט.

דער געמיינער פּראָוואָקאַטאָר און נידערטרעכטיקער שונא, בעריאַ, האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס סטאַלין האָט איטלעכן פאַרדעכ־טיקט, און ער האָט אויסגעמאָרדעט הונדערטער טויזנטער קאָמוניסטן און לאָיאַלע סאָוועטישע בירגער.

ווען וואָזנעסענסקי און קוזניעצאָוו זיינען דערהויבן געוואָרן, האָט זיך בעריאַ דערשראָקן. איצט איז שוין באַוויזן געוואָרן, אַז טאַקע בעריאַ איז געווען דער, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן סטאַלינ׳ען, אַז ער און זיינע לייט זאָלן צושטעלן די געפעלשטע מאַטעריאַלן אין דער פאָרם פון דערקלערונגען און נישט־אונטערגעשריבענע בריוו און אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע קלאַגעס און רייד.

דער צענטראַל קאָמיטעט האָט אונטערזוכט די אַזויגערופענע „לע־נינגראַדער געשיכטע". פּערזאָנען וועלכע האָבן אומשולדיקערהייט גע־ליטן זיינען שוין ריינגעוואַשן געוואָרן און די באַרימטע לענינגראַדער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט צוריקגעקראָגן איר ערנהאַפטן נאָמען. אַבאַ־קומאָוו און די אַנדערע, וועלכע האָבן געפעלשט די גאַנצע געשיכטע, זיינען גע׳משפט געוואָרן פון אַ געריכט. זייער פּראָצעס איז פאָרגעקו־מען אין לענינגראַד און זיי האָבן באַקומען די שטראָף וואָס זיי האָבן פאַרדינט.

עס שטעלט זיך, נאַטירלעך, די פראַגע: פאַרוואָס זעען מיר איין דעם אמת וועגן דער דאָזיקער געשיכטע ערשט איצט, און פאַרוואָס האָבן מיר נישט געטאָן עפּעס פריער ווען סטאַלין האָט נאָך געלעבט, כדי צו ראַטעווען די לעבנס פון אומשולדיקע מענטשן?

דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס סטאַלין האָט פּערזענלעך געהאַט די אויפזיכט איבער דער „לענינגראַדער געשיכטע" און די מערסטע מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ זיינען דעמאָלט נישט געווען באַ־קאַנט מיט די אַלע אומשטענדן פון יענער אַנגעלעגנהייט און האָבן זיך דעריבער נישט געקאָנט אַריינמישן.

ווען סטאַלין האָט באַקומען געוויסע מאַטעריאַלן פון בעריאַ׳ן און פון אַבאַקומאָוו׳ן, האָט ער זיך נישט באַקענט מיט די פאַרלומדערישע מאַטעריאַלן און ער האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אויספאָרשונג וועגן וואָזנעסענסקי׳ן און קוזניעצאָוו׳ן. דאָס האָט פאַרזיגלט זייער שיקזאַל.

אויף דעם זעלבן שטייגער קאָן מען פיל לערנען פון דעם פאַל מיט דער מינגרעלישער נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל האָבן עקזיסטירט אין גרוזיע. (מינגרעליע איז אַ פּראָווינץ אין גרוזיע).

ווי באַוואוסט, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דעם דאָזיקן פאַל אין נאָוועמבער 1951 און אין מערץ 1952. די דאָזיקע רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן אָן אַ פריערדיקער דיסקוסיע אין דער פּאָליטביוראָ.

סטאַלין האָט פּערזענלעך דיקטירט די רעזאָלוציעס. און די רעזאָ־לוציעס זיינען געמאַכט געוואָרן ווי ערנסטע באַשולדיקונגען קעגן אַ סך לאָיאַלע קאָמוניסטן. אויפן גרונט פון געפעלשטע דאָקומענטן איז באַוויזן געוואָרן, אַז אין גרוזיע האָט כלומרשט עקזיסטירט אַ נאַציאָנאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרניכטן

אין יענער רעפּובליק די סאָוועטישע מאַכט מיט דער הילף פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער.

אין פאַרבינדונג מיט דעם זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַ צאָל פאַר־אַנטוואָרטלעכע טוער פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג אין גרוזיע. ווי ס'איז שפּעטער באַוויזן געוואָרן, איז דאָס געווען אַ פאַר־לוימדונג קעגן דער גרוזינישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

מיר ווייסן, אַז עס האָבן זיך פון־צייט־צו־צייט באַוויזן סמנים פון לאָקאַלן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם אין גרוזיע און אין עטלעכע אַנ־דערע רעפּובליקן. הייַנט שטעלט זיך די פראַגע: האָט עס דען גע־קאָנט מעגלעך זיין, אַז אין פאַרלויף פון דער פּעריאָדע ווען די פריער־דערמאָנטע רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן, זיינען די נאַציאָ־נאַליסטישע טענדענצן שוין געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז געווען אַן ערנסטע געפאַר, אַז גרוזיע זאָל פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיך אָנשליסן אין טערקיי?

(לעבהאַפטיקייט אין זאַל, געלעכטער).

דאָס איז, נאַטירלעך, אומזין. עס איז איצט אוממעגלעך זיך פאָר־צושטעלן, אַז דאָס האָט געקענט עמיצן איינפאַלן. יעדער איינער ווייס, אַז גרוזיע האָט זיך אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט אַנטוויקלט עקאָנאָמיש און קולטורעל.

איז עס דען געווען מעגלעך, אַז פאַרגלייכנדיק די לאַגע אין זייער רעפּובליק מיט דער שווערער לאַגע פון די אַרבעטער מאַסן אין טערקיי, זאָלן די גרוזינער גאָר שטרעבן צו פאַראייניקן זיך מיט טערקיי? אין 1955 האָט דאָך גרוזיע פּראָדוצירט 18 מאָל אַזויפיל שטאָל אויף יעדער פּערזאָן ווי טערקיי. גרוזיע האָט אויך פּראָדוצירט 9 מאָל אַזויפיל עלעקטריציטעט אויף יעדער פּערזאָן ווי טערקיי.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1950, קענען 65 פּראָצענט פון דער גאַנצער טערקישער באַפעלקערונג נישט לייענען און נישט שרייבן און פון די פרויען קאָנען 80 פּראָצענט נישט לייענען און נישט שרייבן. גרוזיע האָט 19 אַנשטאַלטן פאַר העכערער בילדונג מיט 39 טויזנט סטודענטן. דאָס איז אַכט מאָל אַזויפיל סטודענטן (אויף יעדע טויזנט איינוואוינער) ווי אין טערקיי.

די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער זיינען גוואַלדיק אויסגעוואַקסן אין גרוזיע אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט.

ס'איז קלאָר, אַז וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די ווירטשאַפט און די קולטור, און וואָס מער עס וואַקסט די באַוואוסטזיניקייט פון די

אַרבעטער־מאַסן אין גרוזיע, אַלץ מער ווערט אויסגעוועפּט דער קוואַל פון וועלכן דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם ציט זיינע קרעפטן.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז גאָרנישט געווען קיין נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין גרוזיע. טויזנטער אומשולדיקע מענטשן זיינען געפאַלן אַלס קרבנות פון הפקרות און גרויזאַמקייט.

דאָס אַלץ איז געשען אונטער דער „הארציקער" פירערשאַפט פון סטאַלינ'ען, „דעם גרויסן זון פון גרוזינישן פאָלק", ווי גרוזינער האָבן ליב־געהאַט אים צו באַצייכענען.

## קאַפּיטל ניין

# סטאַלין זאָגט: „שלאָג, שלאָג, שלאָג"

סטאַלינ'ס הפקר'דיקע עקשנות האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט נאָר אין באַשלוסן וועגן אינערלעכן לעבן פון לאַנד, נאָר אויך אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אַלגעמיינע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט, אין יולי, האָט גענוי אויסגעפאָרשט די אורזאַכן איבער וועלכע ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער שטרייט מיט יוגאָסלאַוויע. סטאַלין האָט אין דעם געשפּילט אַ שענדלעכע ראָלע. די „יוגאָסלאַווישע אַפערע" האָט נישט געהאַט אין זיך אַזעלכע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן נישט געקאָנט געלייזט ווערן דורך פּאַרטיי־דיסקוסיעס צווישן חברים.

ס'איז נישט געווען קיין וויכטיקער גרונט פאַר יענעם שטרייט און ס'איז געווען דורכאויס מעגלעך צו פאַרמיידן אַן איבעררייס אין די באַציאונגען מיט יוגאָסלאַוויע. דאָס מיינט פונדעסטוועגן נישט, אַז די יוגאָסלאַווישע פירער זיינען נישט באַגאַנגען קיין פעלערן אָדער אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין חסרונות. אָבער די פעלערן און די חסרונות האָט סטאַלין פאַרגרעסערט אויף אַ שרעקלעכן אופן און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ס'זאָלן איבערגעריסן ווערן די באַציאונגען מיט אַ פריינטלעכן לאַנד.

איך דערמאָן זיך די ערשטע טעג, ווען מ'האָט אָנגעהויבן אויפצובלאָזן קינסטלעך דעם שטרייט צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און יוגאָסלאַוויע. איינמאָל, ווען איך בין געקומען פון קיעוו קיין מאָסקווע, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן סטאַלינ'ען. ער האָט מיר דער־

מאָלט אָנגעוויזן אויף אַ קאָפּיע פון אַ בריוו וואָס ער האָט ערשט גע־האָט געשיקט צו טיטאָ'ן און ער האָט מיך געפרעגט: „האָט איר דאָס געלייענט?".

נישט אויסוואַרטנדיק אויף מיין ענטפער האָט סטאַלין אַליין גע־ענטפערט:

„איך וועל אַ שאָקל טאָן מיט מיין מינדסטן פינגער און ס'וועט זיין אויס טיטאָ! ער וועט פאַלן".

מיר האָבן זייער טייער באַצאָלט פאַר אַזאַ שאָקלען מיטן מינדסטן פינגער. די דאָזיקע פראַגע שפּיגלט־אָפּ סטאַלינ'ס גרויסקייט־מאַניע און — ער האָט טאַקע געהאַנדלט אַזוי: „איך וועל אַ שאָקל טאָן מיט מיין מינדסטן פינגער און ס'וועט זיין אויס קאָסיאָר"; „איך וועל נאָך אַמאָל אַ שאָקל־טאָן מיט מיין מינדסטן פינגער און ס'וועט זיין אויס פּאָסטישעוו און טשובאַר"; „איך וועל ווידעראַמאָל אַ שאָקל־טאָן מיט מיין מינדסטן פינגער און וואָזנעסענסקי, קוזניעצאָוו און אַ סך אַנ־דערע וועלן פאַרשווינדן".

אָבער מיט טיטאָ'ן איז דאָס נישט געשען. וויפל סטאַלין האָט נישט געשאָקלט, נישט נאָר מיטן מינדסטן פינגער, נאָר מיט אַ סך אַנדערע זאַכן, איז טיטאָ אַלץ נישט געפאַלן. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס אין דעם פאַל פון דעם שטרייט מיט יוגאָסלאַוויע האָט טיטאָ געהאַט הינטער זיך אַ מלוכה און אַ פאָלק, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע שולע אין קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, אַ פאָלק וואָס האָט געשטיצט די אייגענע פירער.

אַט זעט איר שוין צו וואָס סטאַלינ'ס גרויסקייט־מאַניע האָט דער־פירט. ער האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרלוירן דעם זין פאַרווירקלעכ־קייט. ער האָט באַוויזן זיין פאַרדאַכט און פאַרריסנקייט נישט נאָר אין באַצוג צו איינצלנע מענטשן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אין באַצוג צו גאַנצע פאַרטייען און צו גאַנצע פעלקער.

מיר האָבן פאַרזיכטיק אונטערזוכט דעם פאַל מיט יוגאָסלאַוויע און מיר האָבן געפונען אַ געהעריקע לייזונג, וואָס איז גוטגעהייסן גע־וואָרן פון די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון יוגאָסלאַוויע, ווי אויך פון די אַרבעטער־מאַסן אין אַלע פעלקער־דעמאָקראַטיעס און פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. נאָרמאַלע באַציאונגען מיט יוגאָסלאַוויע זיינען ווידער איינגעפירט געוואָרן, ווייל דאָס איז אין די אינטערעסן פון דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן לאַגער, אין די אינטערעסן פון פאַרשטאַרקן דעם פרידן איבער דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר אויך באַטראַכטן דעם פּאַל פון דער דאָקטוירים־פּאַרשווע־רונג (לעבהאַפּטיקייט אין זאַל): אייגנטלעך זיינען נישט געווען קיין באַ־ווייזן קעגן די דאָקטוירים, חוץ אַ דערקלערונג פון אַ פרוי־דאָקטאָר, טימאַשוק, וועלכע איז וואַרשיינלעך, באַאיינפלוסט געוואָרן פון אימיצן, אָדער זי האָט באַקומען אַ באַפעל פון אימיצן (זי איז דאָך, נאָך אַלעמען, געווען אַן אומאָפיציעלע מיטאַרבעטערין פון דער רעגירונג׳ס שוץ־אַמטן). זי האָט די דערקלערונג געמאַכט אין אַ בריוו צו סטאַלינ׳ען, אין וועלכן זי האָט געזאָגט, אַז די דאָקטוירים ווענדן־אָן נישט־ריכטיקע מעטאָדן ביים היילן קראַנקע.

אַזאַ בריוו איז געווען גענוג פאַר סטאַלינ׳ען, אַז ער זאָל קומען צו דעם באַלדיקן באַשלוס, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרשווערונג פון דאָק־טוירים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן צו אַרעס־טירן אַ גרופּע באַרימטע סאָוועטישע דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן. ער האָט פּערזענלעך געגעבן אָנווייזונגען ווי די אויספאָרשונג זאָל געפירט ווערן און וואָס פאַר אַ מעטאָדן עס זאָלן אָנגעווענדעט ווערן ביים אויספרעגן די אַרעסטירטע פּערזאָנען.

סטאַלין איז עס געווען דער, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דער אַקאַ־דעמיקער ווינאָגראַדאָוו זאָל געשמידט ווערן אין קייטן, און אַז אַן אַנדערן זאָל מען שלאָגן. אויף דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר געפינט זיך אַלס דעלעגאַט דער געוועזענער מיניסטער פון מלוכה־זיכערקייט, חבר איגנאַטיעוו. סטאַלין האָט אים געזאָגט קורץ און שאַרף: „אויב איר וועט נישט אַרויסקריגן ווידוי׳ס פון די דאָקטוירים, וועלן מיר אייך מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער” (אַ גערודער אין זאַל).

סטאַלין האָט פּערזענלעך גערופן דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, האָט אים געגעבן אָנווייזונגען און האָט אים געזאָגט וואָס פאַר אַן אויספאָרשונגס־מעטאָדע עס זאָל אָנגעווענדעט ווערן. און די אויס־פאָרשונגס־מעטאָדע איז געווען אַ זייער איינפאַכע: שלאָג, שלאָג און נאָכאַמאָל שלאָג.

באַלד נאָך דעם ווי די דאָקטוירים זיינען אַרעסטירט געוואָרן, האָבן מיר, די מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ, באַקומען די דאָקטוי־רים׳ס פּראָטאָקאָלן: דערקלערונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי זיינען שולדיק. נאָך דעם ווי די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן, האָט אונז סטאַלין געזאָגט: „איר זענט בלינד ווי ערשט־געבוירענע קעצעלעך. וואָס וואָלט דאָ געשען, ווען

נישט איך? דאָס לאַנד וועט אונטערגיין דערפאַר וואָס איר זייט נישט אימשטאַנד צו דערקענען ווער עס זיינען די שונאים".

די באַשולדיקונגען זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ שטייגער, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט אונטערזוכן צי עס זיינען ריכטיק די פאַקטן אויף וועלכע די אָנקלאַגע איז געווען באַגרינדעט. מיר האָבן איינציקע פון די דאָקטוירים געקאָנט פערזענלעך, ווייל מיר זיינען אַמאָל געווען זייערע פאַציענטן.

אַז מיר האָבן, נאָך סטאַלינ׳ס טויט, אויסגעפאָרשט די באַשולדיקונגען, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז זיי זיינען געפעלשט פון אָנהויב ביזן סוף.

יענע אַלע באַשולדיקונגען האָט סטאַלין אויסגעאַרבעט. ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו דערפירן יענעם פּראָצעס ביז צום סוף (ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם סוף) און דעריבער לעבן נאָך די דאָקטוירים ביזן היינטיקן טאָג. היינט זיינען זיי שוין אַלע ריינגעוואַשן. זיי אַרבעטן אין די זעלביקע פלעצער, וואו זיי האָבן פריער געאַרבעט. אָנגעזעענע מענטשן, אויך מיטגלידער פון דער רעגירונג, זיינען זייערע פאַציענטן. זיי האָבן אונזער פולן צוטרוי, און זיי דערפילן ערלעך זייערע פליכטן, פונקט ווי פריער.

ביים אָרגאַניזירן די פאַרשיידענע שמוציקע און שענדלעכע באַשולדיקונגען, האָט אַ זייער געמיינע ראָלע געשפּילט דער פאַרביסענער שונא פון אונזער פּאַרטיי, אַן אַגענט פון אויסלענדישן שפּיאָנאַזש — בעריאַ, וועלכער האָט, דורך גנבישע מיטלען, געוואונען סטאַלינ׳ס צוטרוי. אויף וואָס פאַר אַ שטייגער האָט דער דאָזיקער פּראָוואָקאַטאָר געקענט דערגרייכן צו אַזאַ הויכע שטופע אין דער פּאַרטיי און אין דער רעגירונג, אַז ער זאָל ווערן דער ערשטער שטעלפאַרטרעטער פון פרעמיער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל קאָמיטעט׳ס פּאָליטביוראָ? עס איז שוין היינט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער דאָזיקער אינטריגאַנט האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן רעגירונגס־לייטער איבער אַן אַ שיער מענטשלעכע קערפּערס.

צי זיינען פריער געווען סימנים, אַז בעריאַ איז געווען אַ שונא פון דער פּאַרטיי? יאָ, עס זיינען געווען.

נאָך אין יאָר 1937, ביי אַן אַלגעמיינער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט, האָט קאַמינסקי, דער געוועזענער פאָלקס־קאָמיסאַר פון געזונט, געזאָגט, אַז בעריאַ האָט געאַרבעט פאַר דעם מוסאַוואַטישן שפּיאָנען־

אמט. אָבער נאָך איידער יענע זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט איז גע־
ווען פאַרענדיקט, האָט מען קאַמינסקי׳ן אַרעסטירט און דערשאָסן.

האָט סטאַלין אונטערזוכט קאַמינסקי׳ס דערקלערונג? ניין. ווייל סטאַלין האָט געגלויבט אין בעריאַ׳ן און דאָס איז געווען גענוג פאַר אים. און אַז סטאַלין האָט אין עפּעס אָדער אין אימיצן געגלויבט, האָט אים קיינער גאָרנישט ניט געקענט זאָגן קעגן זיין מיינונג. יעדער איינער וואָס וואָלט געוואַגט צו זאָגן עפּעס קעגן, וואָלט געווען געהאַט דעם זעלבן סוף ווי קאַמינסקי.

עס זיינען געווען נאָך אַנדערע סימנים. די דערקלערונג, וועלכע חבר סניעגאָוו האָט געמאַכט פאַרן צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז זייער אינטערעסאַנט (אויך ער איז, אגב, רייגעוואַשן געוואָרן — נאָכדעם ווי ער איז 17 יאָר אָפּגעזעסן אין פאַרשיקונגס־לאַגערן).

אין זיין דערקלערונג שרייבט חבר סניעגאָוו:

„אין פאַרבינדונג מיט דעם פאָרשלאָג, אַז דער געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט קאַרטוועלישווילי־לאַווורענ־טיעוו זאָל רייגעוואַשן ווערן, האָב איך אָנפאַרטרויט אין די הענט פון אַ קאָמיטע איבער מלוכה־זיכערקייט אַן אויספירלעכע דערקלערונג וועגן דער באַשולדיקונג קעגן קאַרטוועלישווילי און די פאַרברעכערישע אַבזיכטן וואָס בעריאַ האָט געהאַט דערביי״.

לויט מיין מיינונג איז אַבסאָלוט נויטיק אַרויסצוברענגען אַ וויכ־טיקן פאַקט, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם פאַל און דאָס איבערצוגעבן דעם צענטראַל קאָמיטעט, ווייל איך האָב נישט געהאַלטן פאַר פּאַסיק אַריינצונעמען דאָס אַלס איינעם פון די דאָקומענטן פון דער אויספאָרשונג.

## קאַפּיטל צען

# סטאַלין און בעריאַ

דעם 30סטן אָקטאָבער, 1931, אויף דער זיצונג פון דער אָרגאַני־זאַציאָנס־ביוראָ פון דעם סעקרעטאַריאַט פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באַלשעוויקעס), האָט קאַרטוועלישווילי, דער סעקרעטאַר פון דעם טראַנס־קאַווקאַזער ראַיאָן־קאָמיטעט, אָפּגעגעבן אַ באַריכט. אַלע מיטגלידער פון דער עק־זעקוטיווע פון יענעם ראַיאָן־קאָמיטעט זיינען אָנוועזנד געווען. פון זיי אַלע בין איך דער איינציקער וועלכער איז געבליבן לעבן.

אין פאַרלויף פון יענער זיצונג האָט סטאַלין, צום סוף פון זיין רעדע, געמאַכט אַ פאָרשלאָג וועגן אָרגאַניזירן דעם סעקרעטאַריאַט פון דעם טראַנס־קאַווקאַזער ראַיאָן־קאָמיטעט אויף אַזאַ שטייגער: קאַרט־וועלישווילי זאָל זיין דער ערשטער סעקרעטאַר; בעריאַ זאָל זיין דער צווייטער סעקרעטאַר (דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל אין דער גע־שיכטע פון דער פּאַרטיי, וואָס בעריאַ'ס נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אַלס אַ קאַנדידאַט פאַר אַ פּאַרטיי־אַמט).

קאַרטוועלישווילי האָט געענטפערט, אַז ער קאָן בעריאַ'ן זייער גוט און אַז דעריבער אַנטזאָגט ער זיך צו אַרבעטן מיט אים צוזאַמען. סטאַלין האָט דאַן פאָרגעשלאָגן, אַז די דאָזיקע פראַגע זאָל נישט באַלד דערליידיקט ווערן, נאָר זאָל געלייזט ווערן אין פאַרלויף פון דער אַר־בעט זעלבסט. מיט צוויי טעג שפּעטער איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַ־שלוס, אַז בעריאַ זאָל באַקומען דעם פּאַרטיי־פּאָסטן און אַז קאַרטווע־לישווילי זאָל אַרויסגעשיקט ווערן פון טראַנס־קאַווקאַז.

די חברים מיקאָיאַן און קאַגאַנאָוויטש, וועלכע זיינען געווען דערביי, קענען דעם פאַקט באַשטעטיקן.

די לאַנגיאָריקע אומפריינטלעכע באַציאונגען צווישן קאַרטוועליש־ווילי און בעריאַ זיינען געווען גוט־באַקאַנט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער צייט ווען חבר סערגאָ (אָרדזשאָניקידזע) איז געווען טעטיק אין טראַנס־קאַווקאַז. קאַרטוועלישווילי איז געווען סערגאָ'ס נאָענטסטער אַרויסהעלפער. די אומפריינטלעכע באַציאונגען האָבן באַ־וואויגן בעריאַ'ן צוצושטעלן אַ געפעלשטע באַשולדיקונג קעגן קאַרט־וועלישווילי'ן.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער באַשולדיקונג איז קאַרט־וועלישווילי באַשולדיקט געוואָרן אין אַ טעראָריסטישער אַטאַקע אויף בעריאַ'ן.

די אָנקלאַגע קעגן בעריאַ'ן אויף זיין פּראָצעס אַנטהאַלט אַן אי־בערזיכט איבער זיינע פאַרברעכנס. ס'איז, פונדעסטוועגן, כדאַי צו דערמאָנען אייניקע זאַכן, ספּעציעל נאָך אַז ס'איז מעגלעך, אַז נישט אַלע דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר האָבן געלייענט יענעם דאָקומענט. איך וויל דאָ דערמאָנען אויף וואָס פאַר אַ בעסטיאַלישן אופן בעריאַ האָט זיך אָפּגערעכנט מיט קעדראָוו'ן, גאָלוביאָוו'ן און מיט גאָלוביאָוו'ס אַדאָפּטירטער מוטער, באַטורינאַ, — אַלץ מענטשן, וועלכע האָבן גע־וואָלט לאָזן וויסן דעם צענטראַל קאָמיטעט וועגן בעריאַ'ס פאַררעטע־רישער טעטיקייט. זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אָן שום משפט און

דער אורטייל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן זיי שפּעטער, שוין נאָך די הינריכטונגען.

אָט איז אַ בריוו וואָס אַן אַלטער קאָמוניסט, חבר קעדראָוו, האָט צוגעשיקט צום צענטראַל קאָמיטעט דורך חבר אַנדרעיעוו (חבר אַנדרעיעוו איז דעמאָלט געווען אַ סעקרעטאַר פון צענטראַל קאָמיטעט):

„איך רוף צו אייך נאָך הילף פון אַ פינצטערער צעל אין דער לעפּערטאָווסקער טורמע. זאָל מיין וויגעשריי דערגרייכן אייערע אויערן. פאַרבלייבט נישט טויב צו מיין הילפּס־רוף. נעמט מיך אונטער אייער שוץ. איך בעט אייך, העלפט מיר, אַז עס זאָל באַזייטיקט ווערן דער קאָשמאַר פון מאַטערן מיך מיט אויספּרעגענישן און צייגט מיר, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ טעות.

איך לייד אומשולדיקערהייט. איך בעט אייך, גלויבט מיר, די צייט וועט אַרויסברענגען דעם אמת. איך בין נישט קיין אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר פון דער צאַרישער אָכראַנע; איך בין נישט קיין שפּיאָן, איך בין נישט אַ מיטגליד פון אַן אַנטי־סאָוועטישער אָרגאַניזאַציע, ווי איך ווער באַשולדיקט אויפן גרונט פון בלבולים. איך בין נישט שולדיק אין קיין אַנדערע פאַרברעכנס קעגן דער פּאַרטיי און קעגן דער רעגירונג. איך בין אַן אַלטער באָלשעוויק און איך בין פריי פון יעדן פלעק. כמעט פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך אין די רייען פון דער פּאַרטיי געקעמפט פאַר דער טובה און פאַר דעם וואוילזיין פון פאָלק.

היינט בין איך אַן אַלטער מאַן פון 62 יאָר און די אויספאַרשונגס־ריכטער סטראַשען מיך מיט נאָך שאַרפע, ברוטאַלע און דערנידערנדיקע מעטאָדן פון פיזישער פייניקונג. זיי (די אויספאַרשונגס־ריכטער) זיינען מער נישט אימשטאַנד איינצוזען זייער טעות און צו אָנערקענען, אַז דער אופן ווי זיי האַנדלען אין מיין פאַל איז אומגעזעצלעך און נישט־דערלאָזבאַר. זיי באַמיען זיך צו באַרעכטיקן זייערע טאַטן דורך פאַרשטעלן מיך ווי אַ פאַרהאַרטעוועטן, געפערלעכן שונא און זיי פאָדערן נאָך מער דרוק אויף מיר. אָבער זאָל די פּאַרטיי וויסן, אַז איך בין אומשולדיק און ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל קענען פאַרוואַנדלען אַ לאָיאַלן זון פון דער פּאַרטיי אין אַ שונא, אַפילו ביז אין זיין לעצטן אָטעם־צוג.

אָבער פאַר מיר איז קיין שום אויסוועג נישטאָ. איך בין

נישט אימשטאַנד אָפּצואוועגדן פון זיך די נייע, מעכטיקע קלעפּ, וואָס דערנענטערן זיך שנעל און וועלן באַלד אָנהויבן פאַלן אויף מיר.

אַלץ מוז, פּודעסטוועגן, האָבן אַ גרענעץ. איך וועל געפּייניקט אויפן שרעקלעכסטן אופן. מיין געזונט איז געבראָכן, מיינע כוחות און מיין ענערגיע פאַרלאָזן מיך און מיין סוף איז שוין נאָענט. צו שטאַרבן אין אַ סאָוועטישער טורמע אַ געשטעמפּלטער אַלס אַ געמיינער פאַררעטער צום פאָטערלאַנד — וואָס קאָן זיין שרעקלעכער פאַר אַן ערלעכן מענטשן? מיין האַרץ איז איבערגעפילט מיט ביטערניש און ווייטיק.

ניין! ניין! דאָס וועט נישט געשען, עס קען אַזוי נישט זיין, האַלט איך אין איין שרייען. נישט די פּאַרטיי, נישט די סאָוועטן־רעגירונג נישט דער פאָלקס־קאָמיסאַר ל. פּ. בעריאַ וועלן דערלאָזן, אַז עס זאָל געשען אַזאַ גרויזאַם אומרעכט.

איך בין ביי זיך פעסט און זיכער, אַז ווען עס וואָלט פאָרגעקומען אַ שטילע, אָביעקטיווע אונטערזוכונג אָן געמיינע געשרייען, אָן כעס און אָן מורא׳דיקע פּייניקונגען, וואָלט געווען גרינג צו באַווייזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום גרונט פאַר די באַשולדיקונגען. איך האָב אַ טיפן גלויבן, אַז אמת און גערעכטיקייט וועלן טריאומפירן. איך גלויב! איך גלויב!״.

דאָס מיליטערישע קאָלעגיום האָט געפּינען דעם אַלטן באָלשעוויק, דעם חבר קעדראָוו, אומשולדיק. אָבער טראָץ דעם איז ער דערשאָסן געוואָרן אויף אַ באַפעל פון בעריאַ׳ן (פאַרביטערטע אויפרעגונג אין זאַל).

בעריאַ איז אויך צו דער פאַמיליע אָרדזשאָניקידזע געווען ברוטאַל. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס אָרדזשאָניקידזע האָט זיך באַמיט נישט צו דערלאָזן, אַז בעריאַ זאָל דורכפירן זיינע שעדלעכע פּלענער. בעריאַ האָט אָפּגערוימט אַלע, וועלכע האָבן אים ווען עס איז געקאָנט שטיין אין וועג.

אָרדזשאָניקידזע איז שטענדיק געווען בעריאַ׳ס אַ קעגנער און ער האָט עס געזאָגט סטאַלינ׳ען. אָנשטאָט איינצופאָרשן די זאַך און נעמען די געהעריקע שריט, האָט סטאַלין געלאָזט, אַז אָרדזשאָניקידזע׳ס ברודער, זאָל ליקווידירט ווערן און אָרדזשאָניקידזע׳ן אַליין האָט ער געבראַכט צו אַ צושטאַנד, אַז ער איז געווען געצוואונגען צו באַגיין זעלבסטמאָרד (פאַרביטערטע אויפרעגונג אין זאַל). אָט דאָס איז געווען בעריאַ.

אַ קורצע צייט נאָך סטאַלינ׳ס טויט איז אַרונטערגעריסן געוואָרן די מאַסקע פון בעריאַ׳ן. דורך אַ גאַר־גרינטלעכער אויספאָרשונג, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז בעריאַ איז באַגאַנגען בעסטיאַלע פאַר־ברעכנס און — בעריאַ איז דערשאָסן געוואָרן.

איצט שטעלט זיך די פראַגע: ווי קומט עס וואָס ס׳איז ביי סטאַ־לינ׳ס לעבן נישט אַראָפּגעריסן געוואָרן די מאַסקע פון בעריאַ׳ן, וועלכער האָט פאַרניכטעט צענדליקע טויזנטער טוער פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג? די מאַסקע איז פון אים פריער נישט אַראָפּגע־ריסן געוואָרן, ווייל ער האָט זייער קונציק אויסגענוצט סטאַלינ׳ס שוואַכקייטן: דורך דעם וואָס ער האָט אין אים אַרויסגערופן אַ פאַר־דאַכט אויף אַ סך אַנדערע, האָט ער אין אַלצדינג געהאָלפן סטאַלינ׳ען און סטאַלין האָט אים געשטיצט.

## קאַפּיטל עלף

# די „קורצע ביאָגראַפיע" פון „גרויסן פירער"

חברים! די פּערזאָן־פאַרגעטערונג איז זיך אַזוי ריזיק פונאַנדער־געוואַקסן דער עיקר דורך דעם, וואָס סטאַלין האָט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען געהאָלפן אויפבלאָזן זיין אייגענע גרויסקייט. דאָס ווערט באַ־שטעטיקט דורך אָן אַ שיעור פאַקטן. איינער פון די כאַראַקטעריסטיש־סטע ביישפּילן פון סטאַלינ׳ס זעלבסט־רום און פון זיין פולשטענדיקער אומבאַשיידנקייט, איז די אויסגאַבע פון זיין „קורצער ביאָגראַפיע", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1948.

דאָס דאָזיקע בוך שטעלט מיט זיך פאָר דעם אויסגעלאַסענסטן סאָרט חניפה. ס׳איז אַ מוסטער ווי אַזוי מ׳נעמט אַ מענטשן און מ׳מאַכט פון אים אַן אָפּגאָט, אַ הייליקן מאַן מיט אַלע מעלות „דעם גרעסטן פון אַלע פירער, דעם ערהאַבנסטן סטראַטעגיקער פון אַלע צייטן און פון אַלע פעלקער". ביז ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט שוין נישט געקאָנט געפינען קיין ווערטער נאָך מער צו לויבן סטאַלינ׳ען אין הימל אַריין.

ס׳איז נישט נויטיק צו געבן דאָ ביישפּילן פון די עקלהאַפטע לויב־געזאַנגען מיט וועלכע דאָס בוך איז פול. עס דאַרף דאָ בלויז צוגעגעבן ווערן, אַז סטאַלין האָט פּערזענלעך גוטגעהייסן און רעדאַקטירט אַלע לויב־געזאַנגען און אייניקע פון זיי האָט ער מיט זיין אייגענער האַנט

אַריינגעשריבן אין דעם מאַנוסקריפּט פון וועלכן דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן.

וואָס האָט סטאַלין געהאַלטן פאַר וויכטיק אַריינצושרייבן אין דעם בוך? ער האָט געוואָלט אָפּקילן אַביסל דעם ברען פון די חניפה׳ניקעס, וועלכע האָבן געשריבן זיין „קורצע ביאָגראַפיע״? ניין! ער האָט געמאַכט צייכנס בלויז ביי די פלעצער, וועגן וועלכע ער האָט געדענקט, אַז דאָרט ווערט ער נישט גענוג געלויבט.

אָט זיינען אייניקע ביישפּילן וועלכע כאַראַקטעריזירן סטאַלין׳ס מיטאַרבעטערשאַפט, וואָס ער האָט בייגעטראָגן אין זיין אייגענער האַנטשריפט:

„אין דעם דאָזיקן קאַמף קעגן די צוויפלער און אויפגעבער, די טראָצקיסטן, זינאָוויעוויסטן, בוכאַריניסטן און קאַמעניעוויסטן, איז נאָך לענינ׳ס טויט באַשטימט צונויפגעהאַמערט געוואָרן די אויבערשטע פאַראייניקטע גרופּע פון דער פּאַרטיי... וועלכע האָט געהאַלטן הויך לענינ׳ס פאָן, האָט מאָביליזירט די פּאַרטיי הינטער לענינ׳ס פּראָגראַם און האָט אַרויסגעפירט דאָס סאָוועטישע פאָלק אויפן ברייטן וועג פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד און קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפט. דער פירער פון דער דאָזיקער גרופּע און די פירנדיקע קראַפט פון דער פּאַרטיי און פון דער מלוכה איז געווען חבר סטאַלין״.

דאָס האָט געשריבן סטאַלין אַליין און דאַן ערשט האָט ער צוגעלייגט:

„אָבוואָל סטאַלין האָט דורכגעפירט זיין אויפגאַבע אַלס פירער פון דער פּאַרטיי און פון פאָלק אויף אַ גלענצנדן און פולקאָמענעם שטייגער און האָט געהאַט די אומבאַגרענצטע שטיצע פון גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, האָט ער קיינמאָל נישט דערלויבט, אַז זיין טעטיקייט זאָל באַפלעקט ווערן אַפילו דורך דעם מינדעסטן סימן פון עגאָאיזם, גדלנות און זעלבסטליבע״.

וואו און ווען האָט אַ פירער געקאָנט אַזוי לויבן זיך אַליין? פּאַסט דאָס פאַר אַ פירער פון דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן טיפּ? ניין. פּונקט קעגן דעם האָבן דאָך מאַרקס און ענגעלס גענומען אַזאַ שטאַרקע שטעלונג. דאָס האָט אויך שטענדיק פאַרדאַמט וולאַדימיר איליטש לענין.

אין דעם ערשטן מאַנוסקריפּט פון זיין בוך האָט זיך געפונען דער פאָלגנדיקער זאַץ:

„סטאַלין איז דער לענין פון היינט".

דער דאָזיקער זאַץ האָט ביי סטאַלינ׳ען אויסגעזען שוואַך. ער האָט דעריבער מיט זיין אייגענער האַנטשריפט געמאַכט אַן ענדערונג און אָט־ווי דער געענדערטער זאַץ לייענט זיך:

„סטאַלין איז אַ ווירדיקער פאָרזעצער פון לענינ׳ס אַרבעט, אָדער — ווי מ׳זאָגט ביי אונז אין דער פּאַרטיי — סטאַלין איז דער לענין פון היינט". זעט איר שוין ווי גוט דאָס איז אויסגעדריקט, נישט דורכן פאָלק, נאָר דורך סטאַלינ׳ען אַליין.

ס׳איז מעגלעך צו ברענגען אַ סך ביישפּילן פון זעלבסטלויב, וואָס סטאַלין האָט מיט זיין אייגענער האַנט אַריינגעשריבן אין דעם בוך אַריין. מיט אַ באַזונדערס ברייטער האַנט שרייבט ער זיך לויב גע־זאַנגען וועגן זיין מיליטערישער געניאַליטעט, וועגן זיין טאַלאַנט אַלס אַ סטראַטעגיקער.

איך וועל דאָ איבערגעבן בלויז נאָך איין שטעלע, וועלכע סטאַלין האָט אַריינגעשריבן אויף דער טעמע פון „סטאַלין אַלס מיליטערישער זשעני". אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„די העכערע סאָוועטישע מלחמה־וויסנשאַפט איז דורך סטאַלינ׳ען נאָך מער אַנטוויקלט געוואָרן. סטאַלין האָט אַנט־וויקלט די טעאָריע פון די שטענדיק־טעטיקע קרעפטן וועלכע באַשטימען דעם אויסגאַנג פון מלחמות, פון אַקטיווער פאַר־טיידיקונג און די געזעצן פון אָפענסיוועס און קעגן־אָפענסיוועס. וועגן דער קאָאָפּעראַציע פון אַלע טיילן פון די באַוואָפנטע קרעפטן און וואָפן אין אַ מאָדערנער מלחמה, וועגן דער ראָלע פון גרויסע טאַנקען־מאַסן און לופט־קרעפטן אין אַ מאָדערנער מלחמה, און פון דער אַרטילעריע אַלס דער וויכטיקסטער טייל פון אַלע באַוואָפנטע קרעפטן. אין די פאַרשיידענע סטאַדיעס פון דער מלחמה האָט סטאַלינ׳ס געניאַליטעט געפונען די ריכטיקע לייזונג, וועלכע האָבן גענומען אין אַנבאַטראַכט אַלע אומשטענדן פון דער סיטואַציע". (באַוועגונג אין זאַל).

און ווייטער האָט סטאַלין געשריבן:

„סטאַלינ׳ס מיליטערישע מייסטערשאַפט האָט זיך אַרויסגע־וויזן אי ביים פאַרטיידיקן, אי ביים אָנגרייפן. די געניאַליטעט

פון חבר סטאַלין האָט פאַר אים מעגלעך געמאַכט צו לייזן די געהיימניסן פון דעם שונא׳ס פּלענער און זיי צעשמעטערן. די שלאַכטן אין וועלכע חבר סטאַלין האָט אָנגעפירט די סאָוועטישע אַרמייען, זיינען ברילי־אַנטענע מוסטערן פון מיליטערישער מייס־טערשאַפט אויפן שלאַכטפעלד".

אָט אַזוי האָט סטאַלין זיך אַליין געלויבט אַלס אַ סטראַטעגיקער. ווער האָט דאָס געטאָן? סטאַלין זעלבסט, נישט אַלס סטראַטעגיקער, נישט אַלס מלחמה־פירער, נאָר אַלס אַ שרייבער־רעדאַקטאָר, אַלס איי־נער פון די הויפּט־פאַרפאַסערס פון זיין ביאָגראַפיע פון זעלבסט־באַוואונדערונג.

דאָס, חברים, זיינען די פאַקטן. מיר מוזן צוגעבן, אַז דאָס זיינען שענדלעכע פאַקטן.

און אָט איז נאָך איין פאַקט פון דער „קורצער ביאָגראַפיע פון סטאַלין":

ווי באַוואוסט איז „דער קורצער קורס געשיכטע פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)" געשריבן גע־וואָרן פון אַ קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי׳ס צענטראַל קאָמיטעט. יענער בוך איז, אגב, אויך געווען דורכגעדרונגען מיט פּערזאָן־פאַרגעטערונג און איז געשריבן געוואָרן פון אַ ספּעציעל־באַשטימטער גרופּע שרייבער. דער דאָזיקער פאַקט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער פאָלגנדער באַ־מערקונג, וואָס איז צוגעשרעבן געוואָרן אויף דער קאָרעקטור פון דער „קורצער ביאָגראַפיע פון סטאַלין":

„אַ קאָמיסיע פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנ־דישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס), אונטער דער אָנפירונג פון חבר סטאַלין און מיט זיין אַקטיווסטער מיטאַרבע־טערשאַפט, האָט צוגעגרייט דאָס בוך „אַ קורצער קורס געשיכטע פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשע־וויקעס)".

אָבער אַפילו די דאָזיקע פראַזע האָט סטאַלינ׳ען נישט צופרידנ־געשטעלט. אין דער קורצער ביאָגראַפיע איז די פראַזע פאַרביטן גע־וואָרן אויף דעם פאָלגענדן זאַץ:

„אין 1938 איז דערשינען דאָס בוך „געשיכטע פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)", גע־שריבן פון חבר סטאַלין און גוטגעהייסן פון אַ קאָמיסיע פון צענ־

טראַל קאָמיטעט פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס)".

אַן איבערראַשנדיקע פאַרוואַנדלונג: פון אַ ווערק, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון אַ גרופּע איז געוואָרן אַ בוך געשריבן פון סטאַלינ'ען. ס'איז נישט נויטיק צו דערקלערן ווי אַזוי און פאַרוואָס די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג איז פאָרגעקומען.

אַ וויכטיקע פראַגע קומט אויפן זינען: אויב סטאַלין איז דער מחבר פון דעם בוך, צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט לויבן די פּערזאָן פון סטאַלין אַזוי שטאַרק, אַז די גאַנצע היסטאָרישע פּעריאָדע נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע פון אונזער גלאָרייכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויסשליסלעכן אויפטו פון דעם „זשעני סטאַלין" ?

האָט דאָס דאָזיקע בוך ריכטיק אָפּגעשפּיגלט די ענערגישע אַרבעט פון דער פּאַרטיי און דער סאָציאַליסטישער פאַרענדערונג פון לאַנד, און דעם אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אין דער אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע פון לאַנד ? האָט דאָס בוך אָפּגעשפּיגלט אויך די אַנדערע שריט, וואָס די פּאַרטיי האָט גענומען גייענדיק אויפן וועג וועלכע לענין האָט אָנגעצייכנט ? ניין. דאָס דאָזיקע בוך רעדט הויפּטזעכלעך וועגן סטאַלינ'ען, וועגן זיינע רעדעס, וועגן זיינע באַריכטן. אַלצדינג, אָן דער מינדסטער אויסנאַם, איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען.

און ווען סטאַלין אַליין באַהויפּטעט, אַז ער אַליין האָט געשריבן דעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)", רופט עס וויינִיקסטנס אַרויס שטוינונג. קען אַ מאַרקסיסט־לעניניסט שרייבן אויף אַזאַ שטייגער וועגן זיך אַליין, לויבנדיק זיין אייגענע פּערזאָן אין הימל אַריין ?

אָדער לאָמיר נעמען דעם ענין פון די סטאַלין־פּרעמיעס (באַוועגונג אין זאַל). אַפילו די צאַרן האָבן נישט געשאַפן קיין פּרייזן און זיי אַ נאָמען געגעבן נאָך זיך.

סטאַלין האָט אָנערקענט אַלס דעם בעסטן דעם טעקסט פון אַ נאַציאָנאַלער הימנע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס אַנטהאַלט נישט קיין איין וואָרט וועגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די הימנע אַנטהאַלט אָבער

דאָס פאָלגנדע לויבגעזאַנג צו סטאַלינ׳ען, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט:

„סטאַלין האָט אונז אויסגעמייסטערט
דעם פאָלק צו דינען טריי,
צו אַרבעט אונז באַגייסטערט
צו מעשים גרויס און ניי."

אין די דאָזיקע שורות פון דער הימנע באַקומט סטאַלין די אָנער־קענונג פאַר דער גאַנצער דערציערישער ריכטונג און דער גייסטיקער טעטיקייט פון דער גרויסער לעניניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז, באַטיר־לעך, אַ קלאָרער אָפּנויג פון מאַרקסיזם־לעניניזם, אַ קלאָרע דער־נידערונג און פאַרמינערונג פון דער פּאַרטיי׳ס ראָלע. פאַר אייער אינ־פאָרמאַציע דאַרפן מיר דאָ צוגעבן, אַז דאָס פּרעזידיום פון צענטראַל קאָמיטעט האָט שוין אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן פאַרפאַסן נייע ווערטער פאַר דער הימנע, וועלכע וועלן אָפּשפּיגלען די ראָלע פון פאָלק און די ראָלע פון דער פּאַרטיי.

(רוישיקע, לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

און מיינט איר, אַז ווען מ׳האָט אַ סך פון די גרעסטע אונטערנע־מונגען און אַ סך שטעט אַ נאָמען געגעבן נאָך סטאַלינ׳ען, איז דאָס געטאָן געוואָרן אָן זיין וויסן? און זיינען דען אָן זיין וויסן אויפגעבויט געוואָרן די סטאַלין־מאָנומענטן איבערן גאַנצן לאַנד — די אַלע דענק־מאָלן נאָך אַ לעבעדיקן?"

עס איז אַ פאַקט, אַז סטאַלין אַליין האָט דעם 2טן יולי, 1951, אונטערגעשריבן אַ רעזאָלוציע פון דעם מיניסטאָרן־ראַט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפצובויען אויפן וואָלגאַ־דאָן־קאַנאַל אַן איינדרוקספולן סטאַלין־מאָנומענט. דעם 4טן סעפּטעמבער פון דעם זעלביקן יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דריי־און־דרייסיק טאָן קופּער זאָלן קע־נען פאַרברויכט ווערן אויף אויפצובויען דעם דאָזיקן איינדרוקספולן מאָנומענט.

יעדער איינער, וואָס האָט באַזוכט די סטאַלינגראַדער געגנט האָט געמוזט האָבן געזען די ריזיקע סטאַטוע, וואָס ווערט דאָרט געבויט, דערצו נאָך אויף אַ פּלאַץ וואוהין מענטשן קומען זייער זעלטן. באַ־רעכנט נאָר אַליין: האָט סטאַלין געהאַט רעכט ווען ער האָט אין זיין ביאָגראַפיע געשריבן, אַז „... ער האָט זיך אַליין נישט דערלויבט... אַפילו אַ שאָטן פון גדלות, פון שטאָלץ, פון זעלבסטליבע?"

אין דער זעלבער צייט האָט סטאַלין באַוויזן, אַז ער האָט נישט קיין רעספּעקט פאַר לעניג׳ס אָנדענק. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס טראָץ די באַשלוסן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיט איבער 30 יאָר צוריק אויפצובויען אַ „פּאַלאַץ פון די סאָוועטן״ אַלס אַ מאָנומענט צו לענין׳ען, איז אַזאַ פּאַלאַץ נאָך נישט אויפגעבויט געוואָרן. מ׳האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אין איין אָפּלייגן דאָס בויען, אַז די בוי־פּלענער זיינען בטל געוואָרן.

מיר טאָרן נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען די רעזאָלוציע וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט אָנגענומען דעם 14טן אויגוסט, 1925, וועגן „איינפירן פּרעמיעס פאַר בילדונגס־אַרבעט אויף לענינ׳ס נאָמען״. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פּרעסע, אָבער ביזן היינטיקן טאָג איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „לענין פּרעמיעס״. אויך דאָס מוז פאַרריכט ווערן (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן).

אַזוי לאַנג ווי לענין האָט געלעבט זיינען אַלע היסטאָרישע גע־שעענישן דערקלערט געוואָרן אויף אַזאַ שטייגער ווי גלייך לענין האָט געשפּילט בלויז אַ צווייט־קלאַסיקע ראָלע אַפילו אין דער צייט פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. אַזעלכע דערקלערונגען זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך די מעטאָדן וועלכע איך האָב פריער דערמאָנט און דורך אָנגעבן אַזעלכע „פאַקטן״ ווי מ׳געפינט אין דער „קורצער ביאָגראַפיע פון סטאַלינ׳ען״. אין אַ סך פילם־בילדער און אין אַ סך ליטעראַרישע ווערק, ווערט לענינ׳ס פּערזענלעכקייט נישט־ריכטיק פאַרגעשטעלט און שטאַרק אונטערשעצט.

## קאַפּיטל צוועלף
# „זאָל וואָראָשילאָוו דערציילן דעם אמת״...

סטאַלין האָט ליב־געהאַט צו זען דאָס פילם־בילד „דאָס אומפאַר־געסלעכע יאָר 1919״, אין וועלכן ער ווערט געוויזן אויף די טרעפּ פון אַ געפּאַנצערטן צוג און וועלכן ער האָט כמעט אַליין באַזיגט דעם שונא מיט זיין אייגענער שווערד. זאָל אונזער טייערער פריינט, קלי־מענטי יעפרעמאָוויטש (וואָראָשילאָוו), זיך אָננעמען מיט נויטיקער מוט און שרייבן דעם אמת וועגן סטאַלינ׳ען. נאָך אַלעמען ווייסט ער דאָך ווי אַזוי סטאַלין האָט געקעמפט אויפן שלאַכטפעלד. ס׳וועט פאַר חבר וואָראָשילאָוו זיין שווער דאָס צו נעמען אויף זיך, אָבער ס׳וואָלט געווען

אַ גוטע זאַך ווען ער טוט עס. יעדער איינער וועט אים דערפאַר אַפּלאָדירן — סיי דאָס פאָלק, סיי די פּאַרטיי. אַפילו זיינע אייניקלעך וועלן אים דערפאַר דאַנקען (לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

ווען מ׳האָט גערעדט וועגן די געשעענישן פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע און דעם בירגער־קריג, האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז סטאַלין האָט שטענדיק געשפּילט די הויפּט־ראָלע, ווי גלייך אומעטום און צו יעדער צייט איז סטאַלין געווען דער, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן לענינ׳ען וואָס צו טאָן און ווי אַזוי עס זאָל געטאָן ווערן. אָבער דאָס איז דאָך אַ פאַרלוימדונג פון לענינ׳ען (לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן). איך וועל וואַרשיינלעך נישט זינדיקן קעגן אמת, אויב איך וועל זאָגן, אַז 99 פּראָצענט פון די מענטשן, וועלכע געפינען זיך דאָ האָבן פאַר דעם יאָר 1924 געוואוסט זייער ווייניק וועגן סטאַלינ׳ען, אָבער וועגן לענינ׳ען האָבן דאָך אַלע געוואוסט. לענין איז געווען באַוואוסט ביי דער גאַנצער פּאַרטיי, ביים גאַנצן פאָלק — פון די קליינע קינדער ביז צו אַלטע לייט (רוישיקע, לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

דאָס אַלץ מוז אינגאַנצן רעווידירט ווערן, כדי די היסטאָריע, די ליטעראַטור און די קונסט זאָלן ריכטיק אָפּשפּיגלען לענינ׳ס ראָלע און די גרויסע אויפטואונגען פון אונזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון סאָוועטישן פאָלק — פון דעם שעפערישן פאָלק (אַפּלאָדיסמענטן).

חברים! די פּערזאָן־פאַרגעטערונג האָט מיטגעבראַכט, אַז נישט־ריכטיקע פּרינציפּן זאָלן אָנגעווענדט ווערן אין פּאַרטיי־אַרבעט און אין עקאָנאָמישער טעטיקייט. די פּערזאָן־פאַרגעטערונג האָט געפירט דערצו, אַז עס זאָלן פאַרגוואַלטיקט ווערן די כללים פון אינערלעכער פּאַרטיי־דעמאָקראַטיע און פון דער סאָוועטישער דעמאָקראַטיע, אַז די רעגירונגס־פירונג זאָל זיין אומפּרוכטבאַר, אַז עס זאָלן פאָרקומען אַלערליי אָפּנויגונגען און אַז דיווירקלעכקייט זאָל צוגעפאַרבט ווערן.

ביי אונזער פאָלק זיינען געבוירן געוואָרן אַ סך חניפה׳ניקעס און ספּעציאַליסטן אין פאַלשן אָפּטימיזם און אָפּנאַרעריי.

מיר טאָרן אויך נישט פאַרגעסן, אַז איבער דער ריזיקער צאָל אַרעסטן פון פירער אין דער פּאַרטיי, אין דער סאָוועטן־רעגירונג און אין דיווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָבן זיך אַ סך מענטשן אָנגעהויבן באַנעמען אין זייער אַרבעט מיט אומזיכערקייט, צופיל פאָרזיכטיקייט און אַ מורא פאַר אַלץ וואָס איז ניי. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר די אייגענע שאָטנס און האָבן אַרויסגעוויזן ווייניקער איניציאַטיוו אין זייער אַרבעט.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל די רעזאָלוציעס פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג. זיי זיינען צוגעגרייט געוואָרן אויף אַ סקאַר־באָוון שטייגער, אָפטמאָל נישט נעמענדיק אין באַטראַכט דיווירקלעכע סיטואַציע. ס׳איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז די טוערס פון דער פּאַרטיי האָבן אָנגעהויבן פאַרצולייענען זייערע רעדעס אַפילו אויף די קלענ־סטע זיצונגען. דאָס אַלץ האָט געשאַפן די געפאַר, אַז עס זאָל אַריינ־געבראַכט ווערן אַ טרוקנקייט אין דער גאַנצער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג און אַז ביוראָקראַטיזם זאָל באַהערשן דעם גאַנצן אַפּאַראַט.

ווי ווייט סטאַלין האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיטן ווירק־לעכן לעבן און אויף וויפיל ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם אמת׳ן צושטאַנד אויף דער פּראָווינץ, קען מען זען באַשיינפּערלעך פון דעם אופן ווי ער האָט אָנגעפירט די לאַנדווירטשאַפט.

די אַלע וועלכע האָבן זיך אַפילו בלויז אַביסל אינטערעסירט מיט דער לאַגע אין לאַנד האָבן איינגעזען ווי שלעכט עס האָט געהאַלטן מיט דער לאַנדווירטשאַפט. אָבער סטאַלין האָט דאָס קיינמאָל נישט באַמערקט. האָבן מיר וועגן דעם דערציילט סטאַלינ׳ען? געוויס האָבן מיר אים דערציילט, אָבער ער האָט אונז נישט געשטיצט. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס סטאַלין איז קיינמאָל נישט געפאָרן אין ערגעץ, האָט זיך נישט באַגעגנט מיט אַרבעטער פון די שטעט און פון קאָלעקטיווע פאַרמס. ער איז נישט געווען באַקאַנט מיט דער ווירקלעכער לאַגע איבערן לאַנד.

ער האָט געקענט דאָס לאַנד און די לאַנדווירטשאַפט בלויז פון פילם־בילדער. און די דאָזיקע בילדער האָבן אויסגעפוצט און פאַרשע־נערט די ווירקלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע לאַגע.

אין אַ סך פון די פילם־בילדער איז דאָס לעבן אין די קאָלעק־טיווע דערפער פאַרגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז די טישן האָבן זיך גע־בראָכן אונטער דער לאַסט פון געבראָטענע אינדיקעס און גענז. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט סטאַלין געדענקט, אַז אַזוי איז טאַקע געווען אין לעבן אויך.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט גאַנץ אַנדערש געקוקט אויפן לעבן. ער איז שטענדיק געווען נאָענט צום פאָלק. ער פלעגט אויפנעמען דעלעגאַציעס פון פּויערים און האָט אָפטמאָל גערעדט אויף פאַר־זאַמלונגען פון פאַבריק־אַרבעטער. ער פלעגט באַזוכן די דערפער און האָט גערעדט מיט די פּויערים.

סטאַלין האָט זיך אָפּגעזונדערט פון פאָלק און איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין ערגעץ. דאָס האָט געדויערט צענדליקער יאָרן. דאָס לעצטע מאָל וואָס סטאַלין האָט באַזוכט אַ דאָרף איז געווען אין יאַנואַר, 1928, ווען ער איז געפאָרן קיין סיביר אין פאַרבינדונג מיטן ליפערן תּבֿואות. הייסט ווי־אַזוי האָט ער געקענט וויסן וואָס די לאַגע איז אין דער פּראָווינץ?

און ווען מ׳האָט איינמאָל אין אַ דיסקוסיע געזאָגט, אַז אונזער לאַגע אויפן לאַנד איז אַ שווערע און אַז מיט דער פי־צוכט און פליישׂ פּראָדוקציע האַלט עס גאָר שלעכט, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע מיט דער אויפגאַבע צוצוגרייטן אַ רעזאָלוציע אויף אָנצוואוועגדן „מיטלען פאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון פי־צוכט אין די קאָל־כאָזן און סאָווכאָזן". מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַזאַ רעזאָלוציע.

נאַטירלעך האָבן אונזערע פאָרשלאַגן דעמאָלט נישט אַרומגענומען אַלע מעגלעכקייטן, אָבער מיר האָבן אויסגעאַרבעט פּלענער ווי צו פאַרגרעסערן די פי־צוכט אין די קאָלכאָזן און אין די סאָווכאָזן.

מיר האָבן דעמאָלט פאָרגעשלאָגן צו העכערן די פּרייזן פון אַזעל־כע פּראָדוקטן כדי צו שאַפן אַ מעגלעכקייט אַז די אַרבעטער פון די קאָלכאָזן, פון די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס און פון די סאָווכאָזן, זאָלן קענען מער פאַרדינען ביים אַנטוויקלען די פי־צוכט. אָבער אונ־זערע פּלענער זיינען נישט אָנגענומען געוואָרן און אין פעברואַר, 1953, איז אונזער גאַנצער פּראָיעקט איינגאַנצן אַוועקגעלייגט געוואָרן אָן אַ זייט.

נאָכמער: אין דער צייט, ווען סטאַלין האָט נאָך געהאַלטן אין באַ־טראַכטן דעם פּראָיעקט, האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז די שטייערן (טעק־סעס) וואָס עס צאָלן די קאָלכאָזן און די קאָלכאָז־אַרבעטער, זאָלן גע־העכערט ווערן מיט 40 ביליאָן רובל. ער האָט געהאַלטן, אַז די פּויערים לעבט זיך זייער גוט און אַז זיי זיינען אימשטאַנד צו באַצאָלן זייער גאַנצן שטייער (טעקס) דורך דעם וואָס יעדער קאָלכאָז־אַרבעטער וועט פאַרקויפן בלויז נאָר איין הון.

שטעלט זיך פאָר, וואָס דאָס מיינט. אין דער אמת׳ן איז 40 ביליאָן רובל אַ סומע, וואָס די קאָלכאָז־אַרבעטער האָבן נישט באַקומען פאַר אַלע פּראָדוקטן, וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט צו דער רעגירונג.

אין 1952, צום ביישפּיל, האָבן די קאָלכאָזן און די קאָלכאָז־אַר־

בעטער באַקומען 26 ביליאָן מיט 280 מיליאָן רובל פאַר אַלע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט און פאַרקויפט צו דער רעגירונג.

איז סטאַלינ׳ס דעמאַלסטיקע שטעלונג געווען באַגרינדעט אויף וועלכע־עס־איז ציפערן? געוויס נישט.

אין אַזעלכע פאַלן האָט ער זיך נישט אינטערעסירט מיט די פאַקטן און ציפערן. אַז סטאַלין האָט נאָר געזאָגט עפּעס, האָט עס געמוזט זיין אַזוי — ער איז דאָך געווען אַ „זשעני" און אַ זשעני דאַרף נאָר אַ קוק־טאָן און ער קען אויפן שטעל זאָגן ווי עס זאָל זיין. אַז ער זאָגט אַרויס אַ מיינונג, דאַרפן אים אַלע נאָכזאָגן און באַוואונדערן זיין טיפע חכמה.

אָבער וואָס פאַר אַ קלוגשאַפט האָט דען געשטעקט אין דעם פאַר־שלאָג צו העכערן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייער מיט 40 ביליאָן רובל? קיין שום קלוגשאַפט. ווייל דער פאַרשלאָג האָט זיך נישט גע־שטיצט אויף אַן אמת׳ער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע, נאָר אויף די פאַנ־טאַסטישע אידייען פון אַ מענטשן, וועלכער האָט נישט קיין אָנונג וועגן דער ווירקלעכקייט.

מיר הייבן איצט אָן פאַמעלעך צו אַרבעטן אום צו געפינען אַן אויסוועג פון דער שווערער לאַנדווירטשאַפטלעכער לאַגע. די רעדעס פון די דעלעגאַטן אויפן צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר, האָבן ביי אונז אַלע אַרויסגערופן צופרידנקייט. עס פרייט אונז צו הערן ווי דעלעגאַטן האַלטן רעדעס, אַז עס זיינען פאַראַן די נויטיקע באַדינגונגען אויף צו פאַרווירקלעכן דעם זעקסטן 5־יאָר־פּלאַן פאַר האָדעווען בהמות נישט אין פאַרלויף פון פינף יאָר, נאָר אין אַ פּעריאָדע פון צוויי ביז דריי יאָר. מיר זיינען זיכער, אַז די פאַרשפּרעכנס פון דעם נייעם פינף־יאָר־פּלאַן וועלן דורכגעפירט ווערן מיט דערפאָלג (לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

## קאַפּיטל דרייצן

## „ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ געקאָנט געשען?"

חברים! אַז מיר קריטיקירן היינט אַזוי שאַרף די פּערזאָן־פאַרגע־טערונג, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט געוואָרן ווען סטאַלין האָט געלעבט, און אַז מיר רעדן דאָ וועגן די פילע שלעכטע דערשיינונגען, וואָס זיי־נען אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פאַרגעטערונג, וועלכע איז אינ־גאַנצן פרעמד דעם גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם, קענען אונז פאַר־שיידענע מענטשן פרעגן: ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? סטאַלין

איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי און פון לאַנד דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד און אַ סך זיגן זיינען דערגרייכט געוואָרן ביי זיין לעבן. קענען מיר דאָס לייקענען?

לויט מיין מיינונג קענען שטעלן די פראַגע אויף אַזאַ שטייגער נאָר אַזעלכע, וועלכע זיינען פאַרבלענדעט און האָפענונגסלאָז פאַר־כישופ׳ט פון דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג. עס קענען די פראַגע שטעלן אויף אַזאַ שטייגער נאָר מענטשן, וועלכע פאַרשטייען נישט דעם עיקר פון דער רעוואָלוציע און פון דער סאָוועטישער מלוכה, וועלכע פאַר־שטייען נישט דעם לעניניסטישן שטאַנדפּונקט וועגן דער ראָלע פון דער פּאַרטיי און פון פאָלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט געמאַכט דער אַרבעטער־קלאַס צוזאַמען מיט דער טיילווייזער הילף פון דעם פּויערישן מיטל־קלאַס. די רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן פון פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. לענינ׳ס גרויסער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געשאַפן אַ מיליטאַנטישע פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס. לענין איז דערביי געווען באַוואָפנט מיט די מאַרקסיסטישע באַגריפן וועגן סאָציאַלער אַנטוויקלונג און מיט דער וויסנשאַפט פון פּראָלעטאַרישן זיג און דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַ־ליזם, און ער האָט פאַרהאַרטעוועט די פּאַרטיי אין דעם פייער פון רע־וואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן. אין פאַרלויף פון דעם דאָזיקן קאַמף האָט די פּאַרטיי מיט אויסגעהאַלטנקייט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון פאָלק, איז געוואָרן דעם פאָלק׳ס דערפאַרענע פירערין און האָט געפירט די אַרבעטער־מאַסן צו דער מאַכט, צו דער שאַפונג פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה.

איר געדענקט דאָך זייער גוט לענינ׳ס טיפע ווערטער, אַז די סאָווע־טישע מלוכה איז שטאַרק דורך דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן, אַז געשיכטע ווערט געשאַפן פון מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען מענטשן.

אונזערע היסטאָרישע זיגן זיינען דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, אַדאַנק די פילע פּראָווינץ־אָרגאַניזאַציעס און אַ דאַנק דער גוואַלדיק־איבערגעגעבענער אַרבעט פון אונזער גרויסן פאָלק. די אַלע זיגן זיינען אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער מי און אַרבעט פון פאָלק און פון דער פּאַרטיי אַלס גאַנצע. די זיגן זיינען נישט דער אויפטו פון סטאַלינ׳ס פירערשאַפט, ווי ס׳איז גע־

שילדערט געוואָרן אין דער פּעריאָדע פון דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג.

אויב מיר באַטראַכטן די דאָזיקע דערשיינונג ווי מאַרקסיסטן און לעניניסטן, מוזן מער דערקלערן מיט פעסטקייט, אַז די פירערשאַפט פון אַן איינצלנער פּערזאָן, ווי דאָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינ׳ס לעבן, איז געווען אַן ערנסטע שטערונג אויפן געביט פון סאָוועטישער סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

עס זיינען אָפּטמאָל אַוועק חדשים ביז סטאַלין האָט אויפגענומען אייניקע גוואַלדיק־וויכטיקע פּראַגן וועגן דעם לעבן פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג, פּראַגען, וואָס זייער לייזונג האָט מען נישט געטאָרט אָפּלייגן. אין דער צייט פון סטאַלינ׳ס פירערשאַפט זיינען אָפּטמאָל אונזערע פרידלעכע באַציאונגען מיט אַנדערע לענדער געשטעלט גע־וואָרן אין געפאַר, ווייל די באַשלוסן פון איין מענטשן האָבן געקענט פירן, און האָבן טאַקע אָפט געפירט, צו אומגעהויערע שוועריקייטן.

אין די לעצטע יאָרן, ווען מיר האָבן זיך באַפרייט פון דעם שעד־לעכן איינפיר פון דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג און מיר האָבן גענומען די געהעריקע שריט אויפן געביט פון אינערלעכער און אויסערלעכער טאַקטיק, האָט יעדער איינער געקאָנט זען, ווי אַזוי אונזער טעטיקייט איז געוואַקסען פאַר אונזערע אויגן, ווי אַזוי די שעפערישע טעטיקייט פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן האָט זיך אַנטוויקלט, ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דערווירט־שאַפט און דער קולטור (אַפּלאָדיסמענטן).

אייניקע חברים וועלן אונז פרעגן: וואו זיינען געווען די מיט־גלידער פון דער פּאָליטביוראָ פון צענטראַל קאָמיטעט? פאַרוואָס האָבן זיי זיך באַצייטנס נישט געשטעלט קעגן דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג? און פאַרוואָס ווערט דאָס געטאָן ערשט איצט?

ערשטנס מוזן מיר נעמען אין אָנבאַטראַכט דעם פאַקט, אַז די מיט־גלידער פון דער פּאָליטביוראָ האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט פאַרשיידענע שטעלונגען צו אַזעלכע פּראַגן. אין אָנהויב האָבן אַ סך פון זיי אַקטיוו געשטיצט סטאַלינ׳ען, ווייל סטאַלין איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע מאַרקסיסטן און זיין לאָגיק, זיין שטאַרקייט און זיין ווילן האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די פירנדיקע פּאַרטיי־גרופּעס און אויף דער פּאַרטיי־אַרבעט.

ס׳איז באַוואוסט, אַז נאָך לענינ׳ס טויט, באַזונדערס אין די ערשטע 5 יאָר, האָט סטאַלין אַקטיוו געקעמפט פאַר לעניניזם קעגן די קעגנער

פון דער לעניניסטישער טעאָריע און קעגן אַזעלכע וואָס זיינען אַראָפּ פון גלייכן וועג. אויפן גרונט פון דער לעניניסטישער טעאָריע, האָט די פּאַרטיי, מיטן צענטראַל קאָמיטעט אין דער שפּיץ, אָנגעהויבן אויף אַ גרויסן פאַרנעם די אַרבעט פאַר סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלעקטיוויזאַציע און פאַר אַ קולטורעלער רעוואָלוציע אין לאַנד.

צו יענער צייט האָט סטאַלין געוואונען פאַר זיך גרויס פּאָפּולאַריטעט, סימפּאַטיע און שטיצע. די פּאַרטיי האָט געדאַרפט באַקעמפן די יעניקע, וועלכע האָבן געוואָלט אַראָפּפירן דאָס לאַנד פון דעם ריכטיקן לעניניסטישן וועג. די פּאַרטיי האָט געמוזט באַקעמפן די טראָצקיסטן, זינאָוויעוויסטן, די רעכטע און בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. יענער קאַמף איז געווען אומגעהויער נויטיק.

שפּעטער אָבער האָט סטאַלין אָנגעהויבן מיסברויכן זיין מאַכט אַלץ מער און מער און צו באַקעמפן באַרימטע פירער פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג דורך אָנווענדן טעראָריסטישע מעטאָדן קעגן ערלעכע סאָוועטישע מענטשן. ווי מיר האָבן שוין באַוויזן, האָט סטאַלין אויף אַזאַ שטייגער באַהאַנדלט אַזעלכע באַרימטע פירער פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג ווי קאָסיאָר, רודזוטאַק, אייכע, פּאָסטישעוו און אַ סך אַנדערע.

פאַר שטעלן זיך קעגן אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען און קלאָגעס, זיינען די באַשולדיקטע אונטערדריקט און באַשטראָפט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן איז חבר פּאָסטישעוו געפאַלן אַלס קרבן.

סטאַלין האָט אין איינער פון זיינע רעדעס אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט מיט פּאָסטישעוו׳ן און האָט אים געפרעגט: „זאָגט מיר, וואָס זייט איר טאַקע?”.

פּאָסטישעוו האָט אים קלאָר געענטפערט: „איך בין אַ באָלשעוויק, חבר סטאַלין, אַ באָלשעוויק”.

דער דאָזיקער ענטפער איז צוערשט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַן אויסדרוק פון נישט־געהעריק רעספּעקט פאַר סטאַלינ׳ען. שפּעטער איז דער ענטפער באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ שעדלעכע טאַט, און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט וואָס פּאָסטישעוו איז געטויט געוואָרן און איז אָן שום גרונט געשטעמפּלט געוואָרן אַלס אַ „שונא פון פאָלק”.

אין דער לאַגע, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, האָב איך אָפטמאָל

גערעדט מיט ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש בולגאַנין. איינמאָל, ווען מיר זיינעןביידע צוזאַמען געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, האָט ער געזאָגט:

„ס'טרעפט נישט איינמאָל, אַז אַ מענטש גייט אַריין צו סטאַלינ'ען, ווייל ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס אַ פריינט. און ווען ער זיצט און רעדט מיט סטאַלינ'ען ווייסט ער נישט וואוהין ער וועט פון דאָרט גע־שיקט ווערן — אַהיים אָדער אין טורמע אַריין".

ס'איז קלאָר, אַז אַזעלכע באַדינגונגען האָבן געשטעלט יעדן מיט־גליד פון דער פּאָליטביוראָ אין אַ זייער שווערער לאַגע. און ווען מיר באַטראַכטן אויך דעם פאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן זיינען נישט גע־רופן געוואָרן קיין זיצונגען פון גאַנצן צענטראַל קאָמיטעט און אַז די זיצונגען פון דער פּאָליטביוראָ זיינען פאָרגעקומען נישט רעגלמעסיק, נאָר פון צייט־צו־צייט, דאַן פאַרשטייען מיר ערשט, ווי שווער ס'איז געווען פאַר אַ וועלכן־עס־איז מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ צו נעמען אַ שטעלונג קעגן דעם אָדער יענעם אומרעכט, קעגן ערנסטע פעלערן און חסרונות אין דער פירערשאַפט.

ווי מיר האָבן שוין געוויזן, זיינען אַ סך באַשלוסן אָנגענומען גע־וואָרן אָדער דורך איין פּערזאָן, אָדער אויף אַ זייטיקן שטייגער — אָן דיסקוסיעס און אָן באַראַטונגען. דער טרויעריקער סוף פון דעם פּאָליט־ביוראָ־מיטגליד, חבר וואָזנעסענסקי, וועלכער איז געפאַלן אַ קרבן פון סטאַלינ'ס אונטערדריקונגען, איז אַלעמען גוט באַקאַנט. ס'איז כאַראַק־טעריסטיש וואָס דער באַשלוס אויסצושליסן אים פון דער פּאָליטביוראָ, איז קיינמאָל נישט דיסקוטירט געוואָרן און איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ פאַרשטעלטן, כיטרען שטייגער. אויף דעם זעלבן אופן איז אָנ־גענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן אַראָפּזעצן קוזניעצאָוו'ן און ראָ־דיאָנאָוו'ן פון זייערע אַמטן.

די וויכטיקייט פון צענטראַל קאָמיטעט'ס פּאָליטביוראָ איז פאַר־קלענערט געוואָרן און די אַרבעט איז דעזאָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם וואָס עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע קאָמיסיעס — די אַזויגערופענע — „פינפערס", „זעקסערס", „זיבעצנערס" און „ניינט־לעך". אָט איז, צום ביישפּיל, אַ רעזאָלוציע פון דער פּאָליטביוראָ פון 3טן אָקטאָבער, 1946:

1. — דער פּאָליטביוראָ'ס קאָמיסיע פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן (די זעקסער קאָמיסיע) וועט זיך אין דער צו־קונפט באַשעפטיקן, חוץ מיט אויסלענדישע ענינים, אויך מיט

אינערלעכער בוי־אַרבעט און מיט אינערלעכע פראַגן אין אַל־געמיין;

2. — די זעקסער קאָמיסיע וועט צו איר צוזאַמענשטעל צו־געבן דעם פּראָזיצער פון עקאָנאָמישער פּלאַנירונג פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם חבר וואָזנעסענסקי, און וועט באַצייכנט ווערן אַלס די זיבענער קאָמיסיע.

אונטערגעשריבן: סעקרעטאַר פון צענטראַל קאָמיטעט סטאַלין.

„פינפערס", זעקסערס", „זיבענערס" און „ניינטלעך" — דאָס איז דאָך אַ שפּראַך פון קאָרטן־שפּילער! (געלעכטער אין זאַל) ס'איז קלאָר, אַז דאָס שאַפן אַזעלכע קאָמיסיעס אין דער פּאָליטביוראָ איז געווען קעגן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פירערשאַפט. דער רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז געווען, אַז אייניקע מיטגלידער פון דער פּאָליט־ביוראָ זיינען אויף אַזאַ אופן דערווייטערט געוואָרן פון אָנטייל ביים אָננעמען וויכטיקע רעגירונגס־באַשלוסן.

## קאַפּיטל פערצן

# פלענער אויסצו'הרג'ענען די גאַנצע „פּאָליטביוראָ"

איינער פון די סאַמע־עלטסטע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי, קלימענטי יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו, איז געווען אין אַ כמעט־אומ־מעגלעכער לאַגע. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר האָט מען ביי אים אָוועקגענומען דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין זיצונגען פון דער פּאָליטביוראָ. סטאַלין האָט אים פאַרבאָטן צו קומען צו די זיצונגען פון פּאָליטביוראָ און צו באַקומען דאָקומענטן. אַז די פּאָליטביוראָ האָט זיך פאַרזאַמלט און וואָראָשילאָוו האָט געהערט וועגן דעם, האָט ער יעדעס מאָל טעלעפאָנירט און האָט געפרעגט צי מ'וועט אים דערלויבן צו קומען צו דער זיצונג. מאַנכעסמאָל האָט דאָס אים סטאַלין דערלויבט, אָבער ער האָט אים שטענדיק אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט.

דערפאַר וואָס סטאַלין האָט פאַרדעכטיקט אַ סך מענטשן, האָט ער אויך צוגעלאָזט דעם אומזיניקן און לעכערלעכן חשד, אַז וואָראָשילאָוו איז געווען אַן ענגלישער אַגענט (געלעכטער אין זאַל). ווירקלעך — אַן ענגלישער אַגענט! אַ ספּעציעלער אונטערהער־אַפּאַראַט איז אַן זיין

וויסן פאַרבאָרגן געוואָרן ביי אים אין דער היים צו הערן אַלץ וואָס דאָרט איז געזאָגט געוואָרן (פאַרביטערטע אויפרודערונג אין זאַל).

לויט אַ באַשלוס וואָס סטאַלין האָט איינער אַליין אָנגענומען, האָט ער באַזייטיקט נאָך איין מיטגליד פון דער אַרבעט אין דעם פּאָליט־ביוראָ. דער באַזייטיקטער איז געווען אַנדרעי אַנדרעיעוויטש אַנ־דרעיעוו. דאָס איז געווען אַ שריט פון אומערהערטער הפקרות.

לאָמיר באַטראַכטן די ערשטע אַלגעמיינע זיצונג פון צענטראַל קאָ־מיטעט נאָכן ניינצענטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווען סטאַלין האָט אין זיין רעדע וועגן וויאַטשעסלאַוו מיכאַילאָוויטש מאָלאָטאָוו און אַנאַסטאַס איוואַנאָוויטש מיקאָיאַן געגעבן אָנצוהערן, אַז די דאָזיקע צוויי אַלטע פּאַרטיי־טוער זיינען שולדיק, דער גוטער יאָר וויס אין וואָס. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויב סטאַלין וואָלט געווען געבליבן ביים רע־גירונגס־רודער נאָך עטלעכע חדשים, וואָלטן שוין די חברים מאָלאָטאָוו און מיקאָיאַן נישט געווען געהאַלטן קיין רעדעס אויף דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר.

סטאַלין האָט, ווייזט אויס, געהאַט פּלענער פּשוט אויסצו׳הרג׳ענען די אַלטע מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ. ער האָט אָפט מאָל גע־זאָגט, אַז די מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ דאַרפן פאַרביטן ווערן אויף נייע.

דער צוועק פון זיין פאָרשלאַג, נאָך דעם ניינצענטן צוזאַמענפאָר, וועגן אויסקלייבן פינף־און־צוואַנציק פּערזאָן פאַר מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט׳ס פּרעזידיום, איז געווען צו באַזייטיקן די אַלטע מיטגלידער און אַריינברענגען ווייניק־דערפאַרענע פּערזאָנען, כדי זיי זאָלן אים לויבן אויף אַלערליי אופנים.

ס׳איז דאָ אַ גרונט צו דענקען, אַז סטאַלין האָט אויך געהאַט אַ פּלאַן צו פאַרניכטן מיט דער צייט די אַלטע פּאָליטביוראָ־מיטגלידער און אויף אַזאַ שטייגער צו פאַרדעקן אַלע זיינע שענדלעכע מעשים, וועלכע מיר באַטראַכטן דאָ איצט.

חברים! אום נישט צו ווידערהאָלן די טעות׳ן פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, האָט זיך דער צענטראַל קאָמיטעט פעסט דערקלערט קעגן דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג. מיר האַלטן, אַז סטאַלין איז אויף אַ זייער אי־בערטריבענעם אופן געריימט געוואָרן. אין דער פאַרגאַנגענהייט אָבער האָט סטאַלין אָן שום ספק געטאָן גרויסע אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי, פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער באַוועגונג.

די פראַגע (וועגן דער פערזאָן־פאַרגעטערונג) איז אַ פאַרפּלאָנטערטע איבער דעם, וואָס דאָס אַלץ, וועגן וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, איז פאָרגעקומען ביי סטאַלינ׳ס לעבן, אונטער זיין פירערשאַפט און מיט זיין גוטהייסונג. סטאַלין איז געווען איבערצייגט אַז דאָס איז געווען נויטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס קעגן די פאַרשווערונגען פון זיינע שונאים און פון דעם אימפעריאַליסטישן לאַגער.

ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אין די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מענטשן, אין די אינטערעסן פון אַ סאָציאַליסטישן און קאָמוניסטישן זיג. מיר קענען נישט זאָגן, אַז דאָס זיינען געווען די מעשים פון אַ לייכטזיניקן טיראַן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין די אינטערעסן פון דער פאַרטיי, אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן, אין נאָמען פון פאַרטיידיקן די רעוואָלוציאָנערע געווינסן. אין דעם ליגט די גאַנצע טראַגעדיע.

חברים! לענין האָט אָפט אונטערגעשטראָכן, אַז באַשיידנקייט איז אַן אַבסאָלוט־נויטיקע כאַראַקטער־אייגנשאַפט פאַר יעדן באָלשעוויק. לענין אַליין איז געווען די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער גרעסטער באַשיידנקייט. מיר קענען נישט זאָגן, אַז מיר האָבן נאָכגעטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל פון לענין אין אַלע הינזיכטן. ס׳איז גענוג אָנצוּווייזן, אַז אַ סך שטעט, פאַבריקן, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, קאָלכאָזן, סאָווכאָזן, סאָוועטישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס זיינען ביי אונז אָנגערופן געוואָרן מיט אַזעלכע נעמען ווי גלייך זיי וואָלטן געווען דאָס אייגנטום פון די רעגירונגס־פירער און פאַרטיי־פירער, וועלכע זיינען נאָך ביים בעסטן געזונט און לעבן צווישן אונז, אָבער נאָך וועלכע מ׳האָט די שטעט און אינסטיטוציעס אַ נאָמען געגעבן. אַ סך פון אונז האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַרבעט פון אָנרופן די פאַרשיידענע שטעט, ראַיאָנען, פאַבריקן און קאָלכאָזן. דאָס מוז געענדערט ווערן (אַפּלאָדיסמענטן).

אָבער דאָס דאַרף געטאָן ווערן רואיק און פּאַמעלעך. דער צענטראַל קאָמיטעט וועט דיסקוטירן און גוט באַטראַכטן דעם דאָזיקן ענין, כדי צו פאַרמיידן פעלערן און איבערטרייבונגען.

איך געדענק ווי אַזוי מ׳האָט אין אוקראַאינע אויסגעפונען וועגן קאָסיאָר׳ס אַרעסט. די קיעווער ראַדיאָ פלעגט אָנהויבן די פּראָגראַמען אויף אַזאַ שטייגער: „דאָס איז די ראַדיאָ אויפן נאָמען פון קאָסיאָר״.

ווען די פּראָגראַם איז אין אַ געווינסן טאָג אָנגעפּאַנגען געוואָרן אָן דעם נאָמען קאַסיאַר, זיינען אַלע געווען זיכער, אַז עפּעס איז געשען מיט קאַסיאַר'ן, אַז ער איז וואַרשיינלעך אַרעסטירט געוואָרן.

דעריבער, אַז מיר וואָלטן היינט אָנגעהויבן אָוועקנעמען די שילדן אומעטום און איבערבייטן די נעמען, וועלן מענטשן דענקען, אַז עפּעס שלעכטס איז געשען מיט די אַלע חברים וועמען מ'האָט געערט דורך אַ נאָמען געבן נאָך זיי אונטערנעמונגען, קאָלכאָזן, אָדער שטעט און אַז זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן (לעבהאַפטיקייט אין זאַל).

ווי אַזוי אורטיילט מען די וויכטיקייט פון דעם אָדער יענעם פירער? לויט דער צאָל שטעט, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און פאַבריקן, קאָלכאָזן און סאָווכאָזן, וואָס זיינען אָנגערופן געוואָרן מיט זיין נאָמען.

איז שוין דען נישט די העכסטע צייט אָפּצושאַפן דעם סאָרט „פּריוואַט־אייגנטום" און צו „נאַציאָנאַליזירן" די פאַבריקן, די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, די קאָלכאָזן און די סאָווכאָזן? (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן, אויסגעשרייען: „ריכטיק, ריכטיק!") דאָס וועט זיין גוט פאַר אונזער אידעע, ווייל אויך אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט די פּערזאָן־פאַרגעטערונג.

מיר מוזן זייער ערנסט באַטראַכטן די פראַגע וועגן פּערזאָן־פאַרגעטערונג. די פּאַרטיי טאָר נישט אַרויסלאָזן פון אירע הענט די דאָזיקע פראַגע און זי איבערגעבן צו אַנדערע, באַזונדערס נישט צו דער פּרעסע. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס מיר באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע אויף אַ פאַרמאַכטער זיצונג פון צוזאַמענפאָר. מיר מוזן וויסן גענוי ווי ווייט מיר זאָלן גיין. מיר טאָרן נישט אַריינשפּילן אין די הענט פון שונא; מיר טאָר נישט וואַשן אונזערע קויטיקע וועש פאַר זיי אין די אויגן. איך דענק, אַז די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר וועלן פאַרשטיין און ריכטיק אָפּשאַצן די אַלע פאָרשלאָגן (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן).

חברים! מיר מוזן אָפּשאַפן די פּערזאָן־פאַרגעטערונג איינמאָל פאַר אַלעמאָל; מיר מוזן ציען די געהעריקע שלוסן סיי וועגן אידעאָלאָגיש־טעאָרעטישער, סיי וועגן פּראַקטישער אַרבעט.

דאָס איז נויטיק פאַר דעם פאָלגענדן צוועק:

ערשטנס, צו פאַרדאַמען אויף אַ באָלשעוויסטישן אופן און גרינטלעך אויסראָטן די פּערזאָן־פאַרגעטערונג אַלס אַ דערשיינונג, וואָס איז פרעמד דעם גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם און איז נישט אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן פון פּאַרטיי־פירערשאַפט און די כללים

פון פאַרטיי־לעבן. אויך צו באַקעמפן מיט אַלע קרעפטן אַלע פאַרזוכן אויפצולעבן די פערזאָן־פאַרגעטערונג אין אַ וועלכער־עס־איז פאָרם.

צוריקברענגען און באמת צו פּראַקטיצירן אין אונזער גאַנצער אידעאָלאָגישער אַרבעט די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון דער מאַרקסיס־טיש־לעניניסטישער וויסנשאַפט וועגן דעם פאָלק אַלס שאַפער פון אַלע מאַטעריאַלן און גייסטיקע ווערטן פון דער מענטשהייט; וועגן דער אַנטשיידנדיקער ראָלע פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין דעם רע־וואָלוציאָנערן קאַמף פאַר איבערפורעמען די געזעלשאַפט, וועגן דעם זיג פון קאָמוניזם.

אין פאַרבינדונג מיט דעם וועלן מיר זיין געצוואונגען אַריינצו־לייגן אַ סך אַרבעט אויף קריטיש אויסצופאָרשן, פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן שטאַנדפּונקט, און פאַרריכטן פאַלשע מיינונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן־פאַרגעטערונג אויף אַלע געביטן פון היסטאָריע, פילאָזאָפיע, עקאָנאָמיע און אַנדערע וויסנשאַפן, ווי אויך אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט.

ס׳איז באַזונדערס־וויכטיק, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט זאָלן מיר צונויפשטעלן אַן ערנסטן לערן־בוך פון דער געשיכטע פון אונזער פאַרטיי, וואָס זאָל רעדאַקטירט ווערן אין איינקלאַנג מיט דער וויסנ־שאַפטלעכער, מאַרקסיסטישער אָביעקטיוויטעט; אַ לערן־בוך פון דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. אַ בוך וועגן געשעענישן פון דעם בירגער־קריג און פון דער גרויסער פּאַטריאָטישער מלחמה.

צווייטנס, פאַרצוזעצן סיסטעמאַטיש און אויסגעהאַלטן די אַרבעט פון צענטראַל קאָמיטעט, ווי זי איז געטאָן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, אַן אַרבעט ביי וועלכער עס ווערן אין אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אָפּגעהיט די לעניניסטישע פּרינציפּן און פּאַרטיי־פירערשאַפט. די דאָזיקע אַרבעט דריקט זיך דער עיקר אויס, פריער פון אַלץ, אין אָנ־ווענדן דעם הויפּט־פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פירערשאַפט, אין אָפּ־היטן די כללים פון פּאַרטיי־לעבן ווי זיי זיינען אויסגעשריבן אין די סטאַטוטן פון אונזער פּאַרטיי. דערצו ווערן אין דער דאָזיקער אַרבעט אָנגעווענדעט אויף אַ גרויסן פאַרנעם קריטיק און זעלבסט־קריטיק.

דריטנס, צוריק אויפצוריכטן פולשטענדיק די לעניניסטישע פּרינ־ציפּן פון דער סאָוועטישער דעמאָקראַטיע ווי זיי זיינען אויסגעדריקט אין דער קאָנסטיטוציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד; צו באַקעמפן הפקרות פון פּערזאָנען, וועלכע מיסברויכן זייער מאַכט. דאָס שלעכטס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער פאַרגוואַלטיקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער

סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט, און וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט אַלס אַ רעזולטאַט פון דער שענדלעכער פערזאָן־פאַרגעטערונג מוז אינגאַנצן פאַרריכט ווערן.

חברים! דער צוואַנציקסטער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מיט נייער קראַפט דעמאָנסטריט די פעסטע אייניקייט פון אונזער פאַרטיי, די געשלאָסנקייט פון די רייען אַרום דעם צענטראַל קאָמיטעט, און דעם אַנטשלאָסענעם פאַרטיי־ווילן צו פאַרענדיקן די גרויסע אַרבעט פון בויען קאָמוניזם (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן). און דער פאַקט, וואָס מיר לייגן דאָ פאָר, מיט אַלע פאַרשיידענע איינצלהייטן, די גרונט־פּראָבלעמען פון בייקומען די פערזאָן־פאַרגעטערונג, וועלכע איז פרעמד דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן גייסט, ווי אויך די פּראָבלעמען פון ליקווידירן די שעדלעכע רעזולטאַטן פון דער פערזאָן־פאַרגעטערונג, באַווייזט ווי גרויס עס איז די פּאָליטישע קראַפט פון אונזער פאַרטיי (לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

מיר זיינען אַבסאָלוט זיכער, אַז אונזער פאַרטיי, וואָס איז איצט באַוואָפנט מיט די היסטאָרישע רעזאָלוציעס פון דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר, וועט פירן דאָס סאָוועטישע פאָלק אויפן לעניניסטישן וועג צו נייע דערפאָלגן, צו נייע זיגן (רוישיקע, לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן).

לאַנג לעבן זאָל די זיגרייכע פאָן פון אונזער פאַרטיי — לעניניזם! (רוישיקע, לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס ענדיקן זיך מיט אַן אָוואַציע. אַלע שטעלן זיך אויף).

# פערזאָנען וואָס ווערן דערמאָנט
# אין כרושטשעוו׳ס רעדע
# וועגן סטאַלינ׳ען

**אבאַקומאָוו, וויקטאָר**, געוועזענער הויפּט פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי. ער איז הינגעריכטעט געוואָרן אין יאָר 1954. איז באַשולדיקט געוואָרן אין מאַכן פאַרשווערונגען צוזאַמען מיט בעריאַ׳ן.

**אוגאַראָוו**, אַ קרבן אין איינער פון די „רייניקונגען"; איז אין 1937 געווען אַ מיטגליד פון לענינגראַדער צענטער.

**אושאַקאָוו, ז. מ.**, אויספאַרשונגס־ריכטער אין דעם פּראָצעס קעגן דעם קאָמוניסטישן פירער ראָבערט אייכע.

**איגנאַטיעוו, סעמיאָן**, הויפּט פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי אין אָנהויב 1953, ווען ס׳איז געמאַכט געוואָרן דער בלבול קעגן די דאָק־טוירים, מערסטע פון זיי אידן.

**אייכע, ראָבערט**, קאָמוניסטישער פירער און קאַנדידאַט־מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1938 און איז הינגע־ריכטעט געוואָרן אין 1940. האָט געשטאַמט פון לאַטוויע; איז געווען אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי זינט 1905.

**אנדרעיעוו, אַנדרעי אַנדרעיעוויטש**, קאָמוניסטישער פירער און מיט־גליד פון דער פּאָליטביוראָ. אין 1952 האָט אים סטאַלין באַזייטיקט פון דער פּאָליטביוראָ.

**אָרדזשאָניקידזע, גריגאָרי** (פּאַרטיי־צונאָמען: סערגאָ), איינער פון די העכסטע סאָוועטישע פירער זינט 1930, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ, ביז זיין טויט אין 1937.

**באַגראַמיאָן, איוואַן**, מאַרשאַל, אַ סאָוועטישער קאָמאַנדיר אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

**בוכאַרין, ניקאָלאַי**, איינער פון לענינ׳ס נאָענטסטע מיטאַרבעטער, אַ טעאָ־רעטיקער פון באָלשעוויזם און אַ פירער פון דעם רעכטן פליגל ביי די באָלשעוויקעס אין די צוואַנציקער יאָרן. איז גע׳משפט געוואָרן אויף באַשולדיקונגען אין פאַרראַט אין 1938; איז שפּעטער הינגעריכטעט געוואָרן.

**בולגאַנין, ניקאָלאַי**, מאַרשאַל, פּרעמיער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ מיטגליד פון דעם פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

**בלאָס, ווילהעלם**, אַ דייטשער פּאָליטישער טוער. ער האָט באַקומען פון קאַרל מאַרקס דעם בריוו וועלכן כרושטשעוו ציטירט.

**בעריא, לאווערענטי,** געוועזענער הויפּט פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי אונטער סטאַלינ׳ען און ערשטער וויצע־פּרעמיער באַלד נאָך סטאַלינ׳ס טויט. אין יוני, 1953, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און באַשולדיקט געוואָרן אין פּאַראַט. ער איז גע׳משפּט געוואָרן אין געהיים. אין דעצעמבער, 1953, איז ער הינגעריכטעט געוואָרן.

**גאַרבאַטאָוו, פּאַוועל,** גענעראַל־פּאָלקאָווניק, אַ סאָוועטישער קאָמאַנדיר אין דער צווייטער וועלט־מלחמה; ווען כרושטשעוו האָט געהאַלטן די רעדע וועגן סטאַלינ׳ען איז גאַרבאַטאָוו געווען דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון באַלטישן ראַיאָן און אויך אַ מיטגליד־קאַנדידאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

**דזשערזשינסקי, פּעליקס,** ערשטער הויפּט פון דער טשעקאַ (דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי) און אָנפירער פון דעם טעראָר קעגן די קעגנער פון באָלשעוויסטישן רעזשים נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש פון 1917.

**דעניקין, אַנטאָן,** רוסישער גענעראַל, איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון די אַנטי־סאָוועטישע מיליטערישע קרעפטן אין דעם בירגער־קריג, וואָס האָט אויסגעבראָכן נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערינש אין רוסלאַנד.

**וואָזניעסענסקי, ניקאָלאַי,** אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ. ער איז פּאַרשוואונדן אין 1949; שפּעטער האָט מען אויסגעפונען אַז ער איז הינגעריכטעט געוואָרן.

**וואַסיליעווסקי, אַלעקסאַנדער,** מאַרשאַל, איינער פון די אָנגעזעענסטע מיליטערישע פירער אין סאָוועט־רוסלאַנד; געהילפס־מיניסטער פון פּאַרטיידיקונג אונטער מאַרשאַל זשוקאָוו.

**וואָראָנצאָוו,** קאַפּיטאַן, סאָוועטישער מיליטערישער אַטאַשע אין בערלין אין 1941.

**ווינאָגראַדאָוו, וו. נ.,** פּראָפעסאָר, איינער פון די באַרימטסטע דאָקטוירים אין סאָוועט־רוסלאַנד און איינער פון די באַשולדיקטע אין דער געפעלשטער „דאָקטוירים־פּאַרשווערונג״ אין 1953. צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַנדערע דאָקטוירים, די מערסטע פון זיי אידן, איז פּראָפעסאָר ווינאָגראַדאָוו באַשולדיקט געוואָרן אין אַ פּאַרשווערונג צו פּאַר־סמ׳ען די העכסטע סאָוועטישע פירער. נאָך סטאַלינ׳ס טויט זיינען די דאָקטוירים ריינגעוואַשן געוואָרן און אַרויס פריי.

**זאַקאָווסקי, לעאָניד,** אַ הויכער באַאַמטער פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי אין 1937.

**זשוקאָוו, געאָרגי,** מאַרשאַל, איינער פון די אָנגעזעענסטע מיליטערישע פירער אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. סטאַלין איז געווען קעגן אים און באַלד נאָך דער מלחמה האָט ער אים פּאַקטיש פּאַרשיקט דורך דעם וואָס ער האָט אים באַשטימט אויף אַ פּאַרהעלטניסמעסיק־אומוויכטיקן אַרמיי־אַמט אויף דער פּראָווינץ. ערשט נאָך סטאַלינ׳ס טויט איז זשוקאָוו צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, איז געוואָרן דער סאָוועטישער מיניסטער פון פּאַרטיידיקונג און אויך אַ מיטגליד פון דעם פּאַרטיי־פּרעזידיום.

**זינאָוויעוו, גריגאָרי,** איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָמוניסטישע פירער און לענינ'ס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. ער איז געווען דער פרעזידענט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ ביזן יאָר 1926. אונטער סטאַלינ'ס רעזשים איז זינאָוויעוו באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרראַט, איז פאַר'משפט און הינגעריכטעט געוואָרן אין 1936.

**טשורטשיל, ווינסטאָן,** דער ענגלישער שטאַטסמאַן און פּרעמיער, וועלכער האָט באַצייטנס געוואָרנט סטאַלינ'ען אַז די נאַציס גרייטן זיך צו אַטאַקירן סאָוועט־רוסלאַנד אין יוני, 1941, אָבער סטאַלין האָט די וואָרנונג נישט גענומען ערנסט.

**טיטאָ, מאַרשאַל,** קאָמוניסטישער דיקטאַטאָר פון יוגאָסלאַוויע. סטאַלין האָט אים אויסגעשלאָסן פון „קאָמאינפאָרם" פאַר ניט־אונטערוואָרפן־זיך אונטער באַפעלן פון מאָסקווע. מיט דער הילף פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט טיטאָ זיך געהאַלטן פעסט קעגן סטאַלינ'ען. נאָך סטאַלינ'ס טויט האָבן די נייע סאָוועטישע פירער געבעטן מחילה ביי טיטאָ'ן און ער האָט באַקומען אַ גרויסאַרטיקע אויפנאַמע אויף זיין רייזע איבער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1956.

**טימאַשוק, לידיאַ,** דר., די פרוי וועלכע האָט אין אַ בריוו געמאַכט באַשולדיקונגען קעגן די אָנגעזעענסטע דאָקטוירים אין סאָוועט־רוסלאַנד. איר בריוו האָט געפירט צו די פאַלשע באַשולדיקונגען וואָס זיינען דערנאָך געמאַכט געוואָרן קעגן די אַרעסטירטע דאָקטוירים אין 1953.

**טראָצקי, ליעוו** (לעאָן), לענינ'ס נאָענטסטער מיטאַרבעטער אין דורכפירן די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש און דער אָרגאַניזאַטאָר און הויפּט־אָנפירער פון דער רויטער אַרמיי. סטאַלין האָט אים צוערשט פאַרשיקט, דאַן אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד. טראָצקי און זיינע אָנהענגער, די טראָצקיסטן, האָבן פון אויסלאַנד, נישט אויפגעהערט צו אַטאַקירן דעם סטאַלין־רעזשים. אין 1940 האָט סטאַלינ'ס אַן אַגענט דערמאָרדעט טראָצקי'ן אין מעקסיקאָ.

**טשובאַר, וולאַס,** אַ סאָוועטישער קאָמוניסטישער פירער, וועלכער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ אין 1935. ער איז פאַרשוואונדן אין דער צייט פון אַ „רייניקונג" אין 1938.

**יאַגאָדאַ, הענריק,** אַ געוועזענער הויפּט פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי און איינער פון סטאַלינ'ס הענקערס. ער האָט אומגעבראַכט אַ סך מענטשן ביז ער אַליין איז אַרעסטירט געוואָרן, גע'משפט געוואָרן און הינגעריכטעט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג אַז ער איז געווען אַ פאַררעטער. איינע פון די באַשולדיקונגען קעגן אים איז געווען אַז ער האָט דערמאָרדעט דעם באַרימטן שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי.

**יעזשאָוו, ניקאָלאַי,** אויך אַ געוועזענער הויפּט פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי און אויך אַ הענקער ביי סטאַלינ'ען. אין 1938 איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרן און לאַווערענטי בעריאַ האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. מ'האָט דערנאָך באַריכטעט אַז יעזשאָוו איז הינגעריכטעט געוואָרן.

**יעניקידזע, אַבעל,** אַ לאַנגע צייט איינער פון סטאַלינ'ס נאָענטסטע פריינט. זיי האָבן זיך באַפריינדעט אין זייער פריער יוגנט אין גרוזיע. ווען סטאַ־

לין האָט אַריינגענומען די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט אַריין, האָט ער געמאַכט יעניקידזע'ן פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע רעגירונגס־באַאַמטע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער אין דעצעמבער, 1937, נאָכדעם ווי סטאַלין האָט געוואָרפן אַן אומ'חן אויף אים, איז יעניקידזע גע'משפט געוואָרן פון אַ מיליטערישן געריכט אַלס שפּיאָן און טעראָריסט, און איז דערשאָסן געוואָרן.

**מאַליענקאָוו, געאָרגי,** סטאַלינ'ס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער און אַ געוויסע צייט זיין סעקרעטאַר. איז געוואָרן פּרעמיער אין מערץ, 1953, באַלד נאָך סטאַלינ'ס טויט; האָט רעזיגנירט און בולגאַנין האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, אָבער מאַליענקאָוו איז געבליבן אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט באַקומען דעם אַמט פון מיניסטער פון דער עלעקטרישער אינדוסטריע.

**מאָלאָטאָוו, וויאַטשעסלאַוו,** איינער פון סטאַלינ'ס עלטסטע מיטאַרבעטער און שטיצער. ער איז אַ געוויסע צייט געווען פּרעמיער, אָבער די וועלט האָט אים אַמבעסטן געקענט אַלס לאַנג־יאָריקן אויסלאַנדס־מיניסטער פון סאָוועט־רוסלאַנד אונטער סטאַלינ'ען. אויף דעם 20טן קאָמוניסטישן צוזאַמענפאָר, ביי וועלכן כרושטשעוו האָט געהאַלטן זיין באַשולדיקונגס־רעדע קעגן סטאַלינ'ען, האָט נאָך מאָלאָטאָוו אָפּגעגעבן אַ באַריכט אַלס אויסלאַנדס־מיניסטער, אָבער באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר האָט ער רעזיגנירט און דער סאָוועטישער אויסלאַנדס־מיניסטער איז געוואָרן דמיטרי שעפּילאָוו, וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער פּאַרטיי־צייטונג „פּראַוודאַ". מאָלאָטאָוו איז געבליבן אַ מיטגליד פון פּאַרטיי־פּרעזידיום און אַ געהילפס־פּרעמיער.

**מיקאָיאַן, אַנאַסטאַס,** לאַנג־יאָריקער האַנדלס־מיניסטער פון דער סאָוועטן־רעגירונג און אַ געוועזענער אונטערשטיצער פון סטאַלינ'ען. איז געווען דער ערשטער אויף דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר אַרויסצוקומען אָפן קעגן סטאַלינ'ען און דער אַזוי־גערופענער „פּערזאָן־פאַרגעטערונג". איצט איז ער אַ מיטגליד פון קאָמוניסטישן פּרעזידיום און אַ געהילפס־פּרעמיער.

**מעזשליוק, וואַלערי,** געוועזענער הויפּט פון דער סאָוועטישער פּלאַני־רונגס־קאָמיסיע; איז פאַרשוואונדן נאָך מערץ, 1937.

**מערעצקאָוו, קיריל,** מאַרשאַל, אַ סאָוועטישער מיליטערישער קאָמאַנדיר אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

**ניקאָלאַיעוו,** אַן אויספאָרשונגס־ריכטער אין דעם אייכע־פּראָצעס.

**ניקאָלאַיעוו, לעאָניד,** מערדער פון קאָמוניסטישן פירער סערגעי קיראָוו.

**ענגעלס, פרידריך,** דייטשער סאָציאַליסט און דענקער, דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון קאַרל מאַרקס; איינער פון די באַגרינדער פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און אַ גרינדער פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

**פּאַדלאַס,** אַ סאָוועטישער מיליטערישער קאָמאַנדיר אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

**פּאָסטישעוו, פּאַוועל,** אַ קאָמוניסטישער פירער אין דער אוקראַינע, וועלכער איז פאַרשוואונדן אין 1937 נאָכדעם ווי ער האָט פּראָטעסטירט קעגן סטאַלינ'ס גרויזאַמקייטן. ער אַליין האָט פריער ליקווידירט אַנדערע

קאָמוניסטישע פירער אין דער אוקראַינע פאַר נאַציאָנאַליזם און פאַר נישט גענוג טרייהאַפט צו סטאַלינ׳ען.

**פּאָסקרעבישעוו, א. נ.**, סטאַלינ׳ס פּערזענלעכער פריינט און נאָענטער מיטאַרבעטער אין די לעצטע יאָרן; נאָך סטאַלינ׳ס טויט איז ער פאַרשוואונדן; מ׳זאָגט אַז ער איז הינגעריכטעט געוואָרן אין געהיים.

**פּאָפּקאָוו, פּיאָטר**, אַ סאָוועטישער פּאַרטיי־פירער, וועלכער איז געפאַלן אַ קרבן פון די געפעלשטע באַשולדיקונגען אין דעם „לענינגראַדער פּראָצעס“.

**קאַגאַנאָוויטש, לאַזאַר**, איינער פון סטאַלינ׳ס עלטסטע מיטאַרבעטער און איינער פון די פעאיקסטע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַטאָרס אין דער סאָוועטן־רעגירונג; דער איינציקער איד, וועלכער פאַרנעמט נאָך אַמטן אין דער העכסטער גרופּע סאָוועטישע פירער, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער פּאַרטיי און אַ געהילפס־פּרעמיער.

**קאַמינסקי**, אַ געוועזענער געזונטהייט־קאָמיסאַר. ער איז באַזייטיקט געוואָרן אין 1937.

**קאַמעניעוו, ליעוו**, איינער פון די פּראָמינענטסטע סאָוועטישע פירער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. ער איז אַ צייט געווען לענינ׳ס שטעלפאַרטרעטער און דער פאָרזיצער פון מאָסקווער סאָוועט. אין דעם פּראָצעס פון 1936 איז ער פאַר׳משפט געוואָרן אויף באַשולדיקונגען אַז ער איז באַגאַנגען פאַרראַט, און איז דערשאָסן געוואָרן.

**קאָסאַריאָוו, אַלעקסאַנדער**, געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין סאָוועט־רוסלאַנד (קאָמסאָמאָל). אין 1938 איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון אַמט אויף דער באַשולדיקונג אַז ער האָט באַשיצט אוממאָראַלישע און אַנטי־קאָמוניסטישע עלעמענטן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

**קאָסיאָר, סטאַניסלאַוו**, אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון 1930 ביז 1398, ווען ער איז פאַרשוואונדן נאָכדעם ווי ער איז געפונען געוואָרן שולדיק אויף איינעם פון די „ריי ניקונגס־פּראָצעסן“.

**קאַרטוועלישווילי־לאַווורענטיעוו**, אַ געוועזענער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף קאַווקאַז; איז געפונען געוואָרן שולדיק אויף אַ „ריי ניקונגס־פּראָצעס“ אין 1931.

**קיראָוו, סערגעי**, איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָמוניסטישע פירער און מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין 1934. נאָך זיין דערמאָרדונג האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע „ריי ניקונגס־פּראָצעסן“ פון די דרייסיקער יאָרן.

**קוזניעצאָוו, א. א.**, געוועזענער קאָמוניסטישער פירער וועלכער איז הינגעריכטעט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען איינער פון די אָנגעקלאָגטע אין דעם „לענינגראַדער פּראָצעס“ און איז געפונען געוואָרן שולדיק אויף אַ בלבול וואָס איז אויף אים געמאַכט געוואָרן.

**קערענסקי, אַלעקסאַנדער**, פּרעמיער־מיניסטער פון דער צייטווייליקער רעגירונג אין רוסלאַנד, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געשטירצט אין אָקטאָבער, 1917. געפינט זיך שוין לאַנג אין אַמעריקע.

קרופסקאיא, נאַדיעזשדאַ, לענינ׳ס פרוי און אַליין אַן אָנגעזעענע טוערין אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

ראַדאָס, איינער פון די אויספאָרשונגס־ריכטער אין די יאָרן פון די „ריי־ניקונגס־פּראָצעסן״. דער פּאַרטיי־פּרעזידיום האָט אים אין 1956 גענומען אויף אַ פאַרהער ביים אויספאָרשן די הפקר׳דיקע פירונגען אונטער סטאַ־לינ׳ס הערשאַפט.

ראַדזיאַנקאָ, מ., פאָרזיצער פון דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ אין דער צייט ווען דער צאַר איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן.

ראַדיאָנאָוו, מיכאַאיל, געוועזענער פּרעמיער פון דער רוסישער סאָוועַ־טישער רעפּובליק און אַ קרבן פון דעם „לענינגראַדער פּראָצעס״ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ראָזענבלום, אַ קרבן אין איינעם פון די „רייניקונגס־פּראָצעסן״; ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1937.

רודזוטאַק, יאַן, אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון 1927 ביז 1931. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון אַ קאָמיסיע וואָס האָט אין 1934 אויס־געשלאָסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי 17 פּראָצענט פון אירע מיט־גלידער.

ראָקאָסאָווסקי, קאָנסטאַנטין, מאַרשאַל, איצטיקער הויפּט פון דער פּוילישער אַרמיי. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע קאָמאַנדירן. פריער איז ער געווען אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין געפענגעניש אויף פאַלשע באַשולדיקונגען.